STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07166

A BOYM IN OVNT

Binem Heller

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בינם העלער / אַ בוים אין אָוונט

בינם העלער

אַ בוים אין אָוונט

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל״א — 1971

Binem Heller / A BOIM IN OVNT
J. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv, Israel

בינם העלער / אַ בוים אין אָוונט
פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אָביב, רח' אלנבי 31

דאָס בילד פונעם מחבר — ה. ש י ל י ס
פראָיעקט און אותיות פונעם שער — א ל י ע ז ר י
צייכענונג פונעם שער — ח ו ה ק.

©
נדפס בישראל תשל"א
Printed in Israel 1971

דפוס „אורלי", רח' עקיבא איגר 8, טל. 32062



חלום חלמתי

באַפרײַט פון נאָמען

באַפרײַט פון נאָמען און פון יעדן סימן,
אַ פשוטער, אָן יחוס און אָן שטאַם —
אין גראָער אומבאַקאַנטקייט לאָז מיך שווימען,
אַ מינדסטער טראָפּן אינעם גרויסן ים.

דאָרט וועל איך אין דער פרעמדעניש אַנטרינען
פון אויסגעצייכנטקייט און פון געזעץ,
פון מײַנע דינע אותיות, די שפּינען,
וואָס האַלטן מיך געפאַנגען אין אַ נעץ.

און ווען מען וועט מיך פון דעם אויג פאַרלירן,
און ווען איך וועל שוין זײַן צו גאָר און נישט —
ערשט דעמאָלט וועט אַ שטויבעלע דערשפּירן,
אַז כ׳בין מיט גאָט געוואָרן אויסגעמישט.

קראַטן

גענוג! מיר זענען שוין דערעסן און דערווידער
די רייד, ווי אויסגעדראָשענע ציטאַטן.
איך ראַנגל זיך אַליין אין מײַנע לידער —
איך לויף אַרום אין זיי, ווי צווישן קראַטן.

איין מאָל טראַכט איך, אַז כ׳וועל זיי צעברעכן,
אַ צווייט מאָל — אַז כ׳וועל צינדן זיי אין שײַטער.
נאָר אין דער לעצטער רגע איך באַרעכן:
צי וועל איך אָן זיי קאָנען לעבן ווײַטער?

איך ווייס, אַז אָט די קראַטן מיך פאַרהיטן
פון צוגיין נאָענט צו דעם הוילן אמת.
דאָס איז דער אָפּגרונט, וואָס כ׳האָב אויסגעמיטן
מיט שורות פון די לידער און פּאָעמעס.

דער אָפּגרונט לאָקט. עס ציִען די געפאַרן —
מיט טויט צו צאָלן פאַר אַ רגע פרײַ זײַן.
און מיר געלינגט די גלוסטונג אָפּצונאַרן,
זי אײַנצוהאַלטן מיט די פערזן-פראַזן.

איך קער זיך אום, ווי איינער פון זײַן קלעטער
צום הויכן באַרג — וואָס איז אַרוים בשלום.
ער ווייסט: עס וואַרט נאָך די געפאַר פון שפּעטער,
וואָס וועט צוריק נישט לאָזן גיין אין טאָל אים.

*

און איצטער, ווען איך האָב שוין אָפּגעטומלט,
ווען יעדע תּאווה הייבט שוין אָן צו קילן,
ווען אויך דער חטא געוואָרן איז אַ נ ו מ ל ט —
איך וועל דאָס לעבן טיפער נאָך דערפילן.

נאָר מיר איז אַלץ נאָך שווער צו גיין פּאַמעלעך,
און ס׳ברענט אין מיר אַ קנאהדיקער נייגער.
איך האָב נאָך מורא, טאָמער וואָס פאַרפעל איך,
און טאָמער וועל איך ווערן אַ פאַרשוויַיגער.

מיַין גוטע מאַמע פלעגט אַ מאָל מיר זאָגן:
„דער שׂכל, קינד-לעב, קומט ערשט מיט די יאָרן״.
איך האָב די ווערטער נישט געקאָנט פאַרטראָגן —
דעם שׂכל מיט דער אַלטקייט גאָר צו פּאָרן.

נאָך איצטער פּרוּוו איך קעגן דעם זיך ווערן,
און מוחל כ׳בין די אַלטקייט מיט איר שׂכל.
איך וועל זיך ראַנגלען מיט די לעצטע טרערן,
און קעמפן וועל איך מיטן שענסטן שמייכל.

און איבער שטערונגען וועל איך נאָך היפּן,
און פאַלן, ווי פון ווילדן פערד דער ריַיטער,
וואָס שעפּטשעט מיט די בלוטנדיקע ליפּן:
„איך קאָן שוין מער נישט וויַיטער״...

חלום חלמתי

חלום חלמתי: כ׳בין אַ ריז
(דער חלום זאָל נאָר זײַן צום גוטן!)
און אונטער מײַנע הויכע פּיס
זיך פּלאָנטערן די ליליפּוטן.
זיי זוכן אָפּ די אַלע ברעקלעך,
וואָס איך האָב קיין מאָל נישט באַמערקט,
און ווערן ווילד, און שרײַען שרעקלעך:
— פון גאָלד איז זייער וואָג און ווערט.

נאָר ווען מיר דאַכט זיך, אַז מײַן טראָט
איז איבער זיי שוין לאַנג אַריבער,
דערהער איך הינטער זיך דעם שפּאָט:
— וואָס זאָגסטו נישט צום ריז, דעם גיבור?
די אַלע חכמות, וואָס ער קלויבט,
זיי זענען אויך נאָר די שיריים,
די ברעקלעך פון זײַן גאָט, דעם הויפּט,
וואָס נאַרט אים אָפּ, און ער בלײַבט טרײַ אים.
סײַ אונדזער גאָלד, סײַ זײַנע לידער —
זיי האָבן ביידע נישט דעם ווערט,
און נישט דעם דויערדיקן ציטער
פון מינדסטן שטויבל שוואַרצע ערד.

אַני מאַמין

איך פּרוּוו דאָס אַלטע לעבן צו פאַרריכטן,
איך לייג דערויף אַ לאַטע נאָך אַ לאַטע.
איך מוז נאָך אַלץ אויף עמעצן זיך ריכטן,
ווי אויף משיחן אַ מאָל — דער טאַטע.

יאָ, אַני מאַמין — איך הער נישט אויף צו האָפן,
אַז זען וועל איך אַ מאָל נאָך מיין דערלייזער,
כאָטש נעכטן ערשט בין איך פון אים אַנטלאָפן,
אַ שרעקלעך אָפּגענאַרטער און אַ בייזער.

נאָר ער קוקט ווידער אוים שוין אויף אַ צייכן —
און גיין וועט ער אויף ס׳ניי צום אָפּגענאַרטן,
און פּרוּוון נאָך אַ מאָל צו אים דערגרייכן — — —
און יעדן טאָג איך הער נישט אויף צו וואַרטן.

נאָסטאַלגיע

נאָסטאַלגיע —
פון טרויער די שענסטע מוזיק,
דו שפּילסט אויף אַן איינציקער נאָטע
דאָס איינציקע וואָרט בלויז: צוריק.

ווילסט ווידער מיך צווינגען
צו גיין אין דער קעלט
און פרירן
און זינגען
ביַי ווינטן און פאָנען
דאָס ליד פון אַן אַנדערער וועלט.

ווילסט ווידער דערמאָנען:
די שורות פון ערשטיקע לידער,
דעם תענוג פון טאָן אויף דערווידער,
דאָס לאַכן אַנטקעגן דער שרעק,
די ליבע, וואָס איז שוין אַוועק,
דעם ריח פון חרובע שטעט,
דעם טעם פון יִינגלשן חטא.

דו פירסט מיך אַריַין אינעם נעפל
פון הערבן נאָוועמבער.
איך דאַרף, ווי דאָס לעבן,
דעם טעמבער
פון לאַנגע פאַרנאַכטן,
איך דאַרף, ווי דאָס לעבן,
אַז מיר זאָל זיך דאַכטן,
אַז מיר זאָל זיך דאַכטן.

*

אַ טיר נאָך אַ טיר מאַכט זיך צו
און פּנים נאָך פּנים פאַרשווינדט.
באַלד וועל איך פאַרבלײַבן אויף דו
מיט איינעם נאָר — בלויז מיטן ווינט.

אַלץ ווייניקער מענטשן איך קען,
אַלץ גרעסער אַרום מיר די פרעמד,
אַלץ ווײַטער עס ווערט דער פ ו ן ו ו ע ן,
אַלץ ענגער — די פּוסטקייט, וואָס קלעמט.

מיט יעדן פאַרשטאָרבענעם פרײַנד
די שטילקייט ווערט גרויליק און גרויס,
און באַלד וועט דער טאָג פונעם הײַנט
מיך טרעפן אַן איינציקן בלויז.

און איך וועל פאַרמאַכן די טיר,
פון קיינעם געזעגן און געהערט,
און אַן מײַן באַוועג און באַריר —
אַ שטילקייט וועט זײַן אויף דער ערד.

איך פּרוּוו נאָך רעדן

די ווערטער האָבן אויפגעהערט צו פאָלגן,
ווי נאָר מען האָט זיי אויפגעהערט צו גלייבן.
מײַן לשון הענגט איצט נידעריק — אַ וואָלקן,
און לאָזט נישט פון דער ערד מיך זיך דערהייבן.

איך פּרוּוו נאָך רעדן צו די יונגע גראָזן,
נאָר דאַכט זיך, איך קאָן זיי נישט איבערצײַגן.
דער ווינט, וואָס הייבט אָן איבער זיי צו בלאָזן,
נייגט אָפּ פון מיר מיט גלײַכגילט און פאַרשווײַגן.

איך גיי אַראָפּ־צו פון דער ערד דער רונדער
און אויפן וועג — בלויז קברים אויסגעשפּרייטע.
איך לאָז זיי איבער אייניציקווײַז, באַזונדער,
און ס׳ווארטן שוין די אָפענע, די גרייטע.

— בלײַב שטיין! און קער אום אויף צוריק דאָס פּנים,
און טו אַרײַן אין וואָרט דײַן לעצטן אָטעם.
אויב דיר איז שוין באַשערט צו בלײַבן אָן אים —
דערגיי נישט ביזן לעצטן פון די פּחדים.

די צײַט פון שווײַגן

עס קומט איצט אָן די צײַט פון שווײַגן.

באַלד וועסטו קאָנען אומבאַמערקט פאַרבײַגיין
און נישט באַפאַלן ווערן פון די ווערטער,
וואָס זייער טײַטש איז תמיד אַ פאַרקערטער.
זיי זאָגן ליבשאַפט, און זיי לערנען — האַסן,
און לאָזונגען זיי שרײַען אויסגעלאַסן,
און ווען די טרײַהייט הייזעריק זיי שווערן —
זיי פירן אָפּ צו רויטע זינד-לאַמטערן.

עס קומט איצט אָן די צײַט פון שווײַגן.

די שפּראַך פאַרלירט די קראַפט פון איבערצײַגן.
אַנשטאָט וואָקאַלן נוצט זי פוסטע רינגען,
און צו פיל רייד — אַז זי זאָל קאָנען זינגען.
אין אירע אויסגעדראָשענע טערמינען
איז שווער אַ שפּור פון אָטעם צו געפינען.
צוליב איר ליגנערן און איבערקרימען
איז מער נישטאָ אין איר פון האַרץ קיין סימן.

עס קומט איצט אָן די צײַט פון שווײַגן.

*

גוט־אָוונט, מײַן טרויער,
באַגלייטער צום ראַנד פון דער נאַכט!
דער טאָג, אין זײַן קורצן געדויער,
דער טאָג האָט מיך גוט נישט געמאַכט.

דער טאָג איז געווען אַ פאַרשווענדער
פון צײַט און פון ליכט און פון בלוט,
און אַליין, אין זײַן שנעלן געענדער,
געלאַכט פון מײַן יעדער מינוט.

די רגעס, ווען כ'האָב זיך פאַרגעסן,
געשענקט האָט ער מיר, ווי מײַן פרייד:
די תּאווה פון שלאָפן און עסן,
די תּאווה פון גראַמען די רייד...

גוט־אָוונט, מײַן טרויער!
וואָס איז דען געבליבן פאַרהיט?
אַ ניגון פון שטילן באַדויער
באַגלייט מיך צום ראַנד פונעם ליד.

ווערטער, ווערטער — — —

אַ ווערטער, ווערטער — לוסטיקע חבריא —
איר קומט אויף ס'ניי דעם חלום מיר באַשיידן.
אַ ווערטער, ווערטער, פייגל מײַנע פרײַע,
די נישט פאַרטריבענע פון דעם גן-עדן.

איר שטעלט זיך אויס אויף אַלע גרינע צווײַגן,
איר פיקט דאָס ליכט פון וואַסער-איבערפלאַכן.
אַן אײַך בין איך פאַרמשפּט צו דעם שווײַגן
און צו דער אומפאַרשטענדלעכקייט פון זאַכן.

איר שערט אַדורך די געפלדיקע ווײַטן,
און איינע נאָך דער צווייטער הייבט אָן גינען.
איר וועט די פיס אויף פליגל מיר פאַרבײַטן,
און איך וועל נאָך אַ וועלט פאַר זיך געפינען.

איר גיט אַ נאָמען פאַר דעם בלאָען בלימל,
איר גיט אַ צייכן פאַר דעם טראָפּן רעגן — — —
די שטומקייט איבער מיר איז, ווי דער הימל —
איך פרעג, און קאָן ביי אים זיך נישט דערפרעגן.

ער שיט אַ בלענדעניש אין מײַנע אויגן,
און יעדע זעונג מיט מײַן זין צעשיידט ער.
אַזוי פיל מאָל זענט איר שוין אַנגעפלויגן —
דער חלום איז נאָך אַלץ אַ נישט באַשיידטער.

צוריק

אוועקגעפלויגן זענען מײַנע ווערטער.
מיר דוכט זיך — איך אַליין האָב זיי צעפּלאַשעט.
איצט קומען זיי צוריק אויף אַלטע ערטער,
און לײַכט אַזוי, און צניעותדיק, און פּשוט.

זיי טרעפן ווידער ליידיקע די נעסטן,
ווי קיינער וואָלט זיי קיין מאָל נישט פאַרנומען,
און דוכט זיך, אַז צו זייערע פאַרמעסטן
זיי וועלן באַלד אַרוים אין די אַרומען.

און יעדער פלי וועט זײַן אַ פראַגע־צייכן,
און קיין שום ענטפער וועט דער ראַנד נישט געבן,
און פירן וועלן זייערע דערגרייכן
צוריק צום קרײַז — צום אָנהייב פונעם לעבן.

אַ מענטש האָט דערהרגעט

שטיל.
קיין שאָרך פונעםווינט.
וואָס איז געשען?
אַ מענטש האָט דערהרגעט,
איצט,
אין דער מינוט.
אָן איינציקער שאָס —
און שטילקייט פון בלוט.
נישטאָ ווער ס'זאָל שרייַען,
און קין
שטייט ווידער פאַרגאַפט.
ער ווייסט נישט,
אַז דאָס איז דער שלאָף,
וואָס דויערט ווי טויט.

אַ מענטש האָט דערהרגעט.
אָט גייט ער אַוועק.
די ביקס
איז ווידער גרייט צו אַ ציל.
וואָס איז אַזוינס שרעק?

ער האָט נאָך דערפאַר נישט קיין ליד.

✶

און די, וואָס האָבן ליב נאָר צו באַרעדן —
זיי זאָלן מער קיין טרייסט שוין נישט געפינען,
און זייער שלעכטס זאָל אָפן זײַן פאַר יעדן,
און קיין שום אָנשטעל זאָל זיי מער נישט דינען.
די פאַלשקייט זאָל פאַרברענען זיי דאָס פנים,
דער אמת זאָל אויף אייביק פון זיי ווײַכן —
זיי זאָלן קאָנען זיך באַגיין אויך אָן אים
און נישט אַפילו וועלן צו אים גרייכן.
די שׂנאה זאָל זיי ביז צום סוף פאַרסמען,
און זײַן זאָל זייער איינציק פאַרגעניגן
דער האַס, און שטאַרבן זאָלן זיי צוזאַמען
מיט דער פאַרדאָרבנקייט און מיטן ליגן.

באַשטראָף מיך נישט

באַשטראָף מיך נישט פאַר קיין שום תאווה,
און אויך נישט — פאַר דער גרעסטער:
פאַר יענער אײַנגערעדטער גאווה
צו זײַן אַ בעסערער, דער בעסטער.
לאָז ווערן מיך דער אומבאַקאַנטער,
וואָס מוז פאַר יעדער פרייד באַצאָלן,
און שלעפּט דעם טאָג — אַן אײַנגעשפּאַנטער
אין אַלע לעבעדיקע עולן.

צום אַסטראָנאַוט

דו וועסט דערגרייכן צו אַ ווײַטן שטערן,
נאָר בלײַבן וועסטו דאָרט אַלץ איינס דער ערדער,
און נישט פאַרשווינדן וועט שוין פון דײַן שטערן
דער קין־סימן פונעם ברודער־מערדער.

מיר שווינדלט אינעם קאָפּ פון דײַנע הייכן,
און פון דײַן נײַגער צו די פרעמדע וועלטן,
און איך האָב מורא פאַר דײַן הארטן שמייכל,
וואָס שטאַמט בלויז פונעם ווילן צו געוועלטן.

און אפשר? אפשר ביסטו מער נישט אויסן,
נאָר גרייכן צו דער גלײַכגעוויכט פון פּחדים,
ווײַל נאָר אַזוי — מחוץ דער ערד, פון דרויסן —
וועסט קאָנען בלײַבן הענגען אויף אַ פאָדעם?

דאָס אַנטרינען

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַנטרינען
פון אונדזער ערד — ווער וועט אַנטלויפן פריִער?
דער מענטש, וואָס זינגט און גייט אַראָפּ פון זינען,
צי יענער — אינעם קלייד פון קאָסמאָס-פליִער?

אַלץ איינס, זיי וועלן נישט אַוועק אויף אייביק.
פאַרליבטע אין דער ערד און אירע בלומען —
זיי וועלן בלײַבן, ווי די קינדער, גלייביק,
און שטאַרבן — דאָ אַהער זיי וועלן קומען.

דער זינגער וועט פאַרבלאָנדזשען צווישן שטערן,
דער פליִער וועט זיי מעסטן מיט מכשירים,
נאָר זייער ליַיב וועט אין דער פרעמד זיך ווערן
און אין דער בלענדנדיקער ווײַטקייט פּרירן.

זיי בײדע וועלן נישט אַוועק אויף שטענדיק.
די לענגסטע רײַזע אין די ווײַטע רוימען
וועט מוזן ווערן אויף דער ערד פאַרענדיקט —
נישט שפּעטער, ווי דאָס לעבן קאָן זיך זוימען.

דער דריטער

דעם הימל פאַרדעק מיט אַ כמאַרע,
פאַרמאַך אים אויף שלעסער און ריגלען,
פאַרטונקל, פאַרפינצטער זײַן מראה —
דער מענטש זאָל אין אים זיך נישט שפּיגלען.

וואָס וועט ער דערזען אין זײַן פּנים?
די שטריכן פון הבל און קין.
דעם ערשטן — וואָס קאָן מען שוין טאָן אים?
דעם צווייטן — ווער קאָן דען פאַרשרײַען?

און ע ר איז דער יורש — דער דריטער —
אַ זיווג פון מערדער און קרבן.
זײַן בלוט — פון רציחה איז ביטער,
זײַן לײַב — פון דער שרעק איז פאַרדאָרבן.

ער לויפט פון דער ערד, ער וויל גרייכן
צום ווײַטן אומשולדיקן שטערן.
אומזיסט, ער נעמט-מיט דאָרט זײַן צייכן —
דעם בלוטיקן אות אויפן שטערן.

נאָך איין מינוט בלויז

ער איז אַראָפּ שוין צו דעם סאַמע תהום
און מיט דער האַנט באַרירט ער דעם יסוד.
ער נעמט אים אָן ביַים וואָרצל, ווי אַ שוואָם,
און דעמאָלט ווערט ער דער באַפעלער, גאָט!

דו וועסט נישט הערן מער די תפילה־רייד
און נישט אַנטפּלעקן וועט ער דיר זיַין סוד.
צום אָנהייב פונעם סוף איז ער שוין גרייט,
און באַלד אַנטדעקט ער אויך דיַין אָנהייב, גאָט!

נאָך איין מינוט בלויז — און ער ווערט באַפריַיט
פון ריטעם אין זיַין וואָרט און אין זיַין טראָט,
און — אָפּגעפרעגט די פּינקטלעכקייט פון ציַיט —
אויך דיַין איינמאָליקייט ער פרעגט אָפּ, גאָט!

י ת ג ד ל

יתגדל

פון אַ שיף אין חיפה
גייט אַראָפּ אַ פרוי
מיט אַ מלכותדיקן טראָט.
אירע אויגן זענען רויט
פון טרערן און שׂרפה,
נאָר דער אַלטער סוד
פון גדולה אין נויט
שורשעט אין איר צניעותדיק קלייד.
זי הייבט די הענט צום כרמל
און בענטשט זײַנע טויזנטער ליכט
מיט דער שפּראַך,
וואָס יעדער טויטער ייִד פאַרשטייט.

גאָט!
זאָלן אויפשטיין צוריק פון פאַרזינקען,
פון פײַער, פון אַש און פון שטויב:
מײַן זון לייבוש פון קאָמי,
מײַן זון ישראל פון אושוויץ,
מײַן טאָכטער חיה פון טרעבלינקע,
מײַן זון מנשה פון שטויביץ.

איינער,
דער געבליבענער אין בריסל,
זאָגט קדיש נאָך זײַן מאַמען
מיט אַלטע אַמאָליקע ווערטער,

און דער, דאָ,
אין הייליקן לאַנד —
מיט אייגענע טרערן און גראַמען.
נאָר ביידע
לייזן זי אויס
פון אַש און פון פײַער,
פון בלוטיקע תהומען — — — —

זאָל זשע געגרייסט זײַן דער נאָמען!

אין אָפּגעברענטע סעדער

איך אָטעם נאָך אַרײַן אין זיך דאָס פײַער
און מײַן געהער איז פול נאָך מיט געשריי.
און אויף די גרינע ביימער פונעם הײַער
עס פאַלט נאָך אַלץ פון אַש אַ גראָער שניי.

איך גיי אַרום אין אָפּגעברענטע סעדער.
מיט רויך אַן אָנגעזאַפּטע איז די ערד.
און איך פאַרהאַלט זיך הינטער יעדן גדר —
אין די פאַרקוילטע ריחות אײַנגעהערט.

און פּלוצלינג בליִען־אויף די שוואַרצע ביימער
און בײַ דעם נאָמען רוף איך יעדע בלום.
פון וווּנדער פאַלט אַן אויף דער ערד אַן אימה
און אַלע ווינטן ווערן טויב און שטום.

דעם ערשטן סעפּטעמבער

דעם ערשטן סעפּטעמבער
נײַנצן נײַן און דרײַסיק
האָט אַ דײַטש פֿון פּרײַסן
איבערגעשניטן
דעם האַלדז פֿון דער וועלט —
און קיינער
קאָן שוין דאָס בלוט נישט פֿאַרהאַלטן.

דער האַלדז איז ווײַס,
דאָס בלוט איז רויט.
אין באַבי־יאַר, אין קיִעוו,
געשאָכטן ליגט איוב —
און קיינער
קאָן שוין דאָס בלוט נישט פֿאַרהאַלטן.

די מענטשן מיט גלעזערנע אויגן
פֿליִען.
די פֿרויען און קינדער
לויפֿן זיך באַהאַלטן.
די גוטע הענט
פֿון אַלע קראַנקן־שוועסטער —
זיי קאָנען דאָס בלוט נישט פֿאַרהאַלטן.

זיי קומען אָן

דיביימער וואַקסן העכער אַלץ און דיקער,
און אויב מען וועט נישט האַקן זיי און זעגן,
וועל איך מיט זיי פאַרשטעלן דעם צוריקקער
פון די געשפּענסטער אויף די הינטערוועגן.

און זאָגן וועל איך: מיר איז מער נישט נייטיק
דאָס אויפגעהאַקטע פענצטער פון זכרון.
דורך דאָרט רײַסט זיך אַרײַן דער ווילדער ווייטיק,
און בושעוועט, ווי ווינט, אין מײַנע יאָרן.

דאָס פענצטער פון זכרון ווערט אַלץ ברייטער,
און איך דערזע די געסט פון דעם גן־עדן.
זיי ווילן זײַן די שטענדיקע באַגלייטער
צו אַלע מײַנע קומענדיקע פרייד.

זיי דאַרפן נישט צו היפּערן קיין שוועלן —
אָט זענען זיי שוין אַלע דאָ צוזאַמען.
זיי טרייסטן און זיי דראָען, אַז זיי וועלן
צו מיר כסדר קומען פון די פלאַמען.

— — — — — — — — —

די ביימער וואַקסן העכער אַלץ און דיקער.
ניין, זאָל מען זיי נישט האַקן און נישט זעגן!
איך וויל מיט זיי פאַרשטעלן דעם צוריקקער
פון די געשפּענסטער אויף די הינטערוועגן.

*

די גרינע גראָזן —
זיי וועלן ברענגען רו?
דער ווינט,
וואָס הערט נישט אויף צו בלאָזן,
דערגרייכט צום ריטעם פון מײַן ליד.
ער ברענגט דעם ריח
פון טרעבלינקער פעלדער.
און אָט אָ רירן זיך סקעלעט און ביין —
אַ פאָלק נקמה־נעמער און פאַרשעלטער
קריצן מיט די ווײַסע ציין.

די בלאָע בלומען —
זיי וועלן ברענגען רו?
אין אַלע ליכטיקע אַרומען
געפין איך נישט קיין איינציקע מינוט
אויף צו אַנטלויפן
פון די מעת־לעתן,
ווו אָן אַן אויפהער
זוכט מיך בלויז איין בליק —
מײַן מאַמעס —
נישט צום פאַרגעסן!

די גרינע גראָז,
די בלאָע בלומען —
איך האָב זיי אָנגענומען.
אַ דאַנק!
נאָר לײַכטער איז געוואָרן
נישט אויף לאַנג.
די טויטע זענען עלטער,
זיי לאָזן נישט אַליין.
אַ פאָלק נקמה־נעמער און פאַרשעלטער
קריצן מיט די ווײַסע ציין.

די ערד איז חרוב

די ערד איז חרוב און די טײַכן זידן,
אַנשטאָט דעם לעבן — שטיין פון מאָנומענט.
וואָס איז דען איצטער פוילן אָן די ייִדן?
נישט מער — אַ גוף מיט אָפּגעהאַקטע הענט.

נאָר קיין שום דענקמאָל איז דאָרט אויך נישט נייטיק —
די האַרטקייט פונעם שטיין האָט נישט קיין ווערט.
ווי זײַלן פונעם צאָרן און דעם ווייטיק —
עס נידערן די פֿײַערס אויף דער ערד.

נישטאָ קיין טאָג, אַז ערגעץ זאָל נישט ברענען,
נישטאָ קיין שעה אָן טויט און אָן צעשטער.
און ווער דען וועט די האַנט פון שטראָף דערקענען —
אויב נישט דער ייִד, דער ערשטער קרבן — ווער?

דורך אַלע שטערן־רוימען די סטערילע,
נאָך שנעלער, ווי עס פליט די חלל־שיף,
וועט שנעלער נאָך אַדורך זײַן קללה־תפילה
און גרייכן פון דער אייביקייט די טיף.

*

ווי גרויס דאַרף קעגן מיר זײַן דאָס פאַרברעכן,
אַז אויך דער זײַטיקער זאָל זען זיך שולדיק?
אויף פּיצלעך דאַרף מען פריִער מיך צעברעכן,
כדי דער גוי זאָל זאָגן מיר: אַנטשולדיק!
ער וועט מיך דעמאָלט פאַר אַ קרבן קריינען,
און שענקען מיר פון ערד אַן אַלטן פענעץ,
אַז איך זאָל האָבן ווּ זיך אויסצוּווייינען
און זײַן אַרומגעצוימט מיט ים און גרענעץ,
און ווידער מוזן בעטן אַ נדבה
בײַ דעם, וואָס האָט מיך נעכטן נאָך געמאָרדעט,
און מיטן לשון־קודש פונעם נביא
דערפירן צו אַ שמייכל אויף זײַן מאָרדע.

אַזוי זעט אויס די ערד פאַר דעם באַפרײַטן:
איך האָב געמוזט די אַנדערע פאַרטרײַבן.
איצט רייצט מען זיי אויף מיר פון אַלע זײַטן,
און איך, איך מוז פאַריאָגן זיי — און בלײַבן.
און ווידער ווערט דאָס לעבן מײַנס שוין ביליק,
און טאָג נאָך טאָג ווער איך געהרגעט פּלוצעם,
און יעדעס מאָל דער טויט ווערט באַלד באַוויליקט
מיט אומפאַרשעמטע גויִשע תירוצים.

יאַוואָל!

יאַוואָל! איך בין אַ שרעקלעכער גדענקער —
מײַן ברודער גייט מיר נישט אַרויס פון זינען.
איך וואָלט זיך אָנגעדונגען פאַר אַ הענקער,
און ווען מען וועט דעם מערדער אָפּגעפינען,
זאָל איך אַליין, מיט מײַנע הענט, אים טייטן.
איך האָב דאָס שוין פאַרטראַכט מיט אַלע פּרטים:
די פּעטליע — ווי אַזוי איך וועל זי גרייטן,
פאַרוואַרפן זי און לאָזן אים אָן אָטעם.
און דרײַ טעג וועט ער הוידען זיך און הענגען,
ביז זײַן נבֿלה וועט פון שווערקייט זינקען,
און ווען מען וועט אים צו באַגראָבן ברענגען,
וועט ער אַ העלפט פון „פאָטערלאַנד" פאַרשטינקען.

יאַוואָל! איך בין אַ שרעקלעכער גדענקער,
כאָטש דאָס איז פאַר פּאָעזיע נישט קיין מעלה.
איך וועל בײַם פאָלק פון דיכטער און פון דענקער
פאַרלאַנגען יעדן טאָג און יעדע ווײַלע
דעם מערדער, וואָס איז צווישן זיי פאַרבאָרגן.
ער איז שוין לערער, ריכטער און דערפינדער.
ער האָט זיך שוין מאַסקירט מיט אַלע זאָרגן
פון אַ פאַמיליע־מאַן מיט פרוי און קינדער.
דעם אורטייל האָב איך שוין אַרויסגעגעבן,
פאַרגרייט האָב איך שוין די טאָרטורן שווערע,
נאָך איידער צונעמען איך וועל זײַן לעבן.
יאַוואָל! איך שווער דאָס בײַ מײַן ייִדן־ערע.

אַ ליד וועגן ייִדיש

די ייִדן זענען טויט, נאָר נישט די שפּראַך —
זי לעבט אויך דעמאָלט, ווען זי דאַרף באַקלאָגן;
און זאַפּטן האָט זי נאָך אין זיך אַ סך,
און סודות האָט זי אויך נאָך אויסצוזאָגן.

געגאַנגען זענען מענטשן אין אַ ריי,
און לויט דער ריי — מען האָט זיי אויסגעמאָרדעט.
זיי האָבן בלויז געהערט דאָס אויסגעשריי
פון דײַטשישע באַפעלערישע מאָרדעס.

און ווען זיי האָבן טויזנטוויַיז געוואַרט
בײַ ראַנדן פון די אויפגעפּראַלטע קברים —
דאָס מאַמע־לשון איז געוואָרן האַרט,
און קעגן אַלע גרוילן — אַזוי אָרעם.

צום לעבן נוצט די לעבעדיקע שפּראַך,
צום טויט קאָן טויגן נאָר דער אַלטער ווידוי;
צום שטאַרבן איז דאָס מאַמע־לשון שוואַך,
און נאָר אין לעבן — קאָן עס לעבן ווידער.

די ייִדן זענען טויט. מיט אַש און ערד
מען האָט זיי צו דער שווײַגעניש פאַרשאָטן.
נאָר זייער שפּראַך וואַקסט איצטער נאָך און ווערט —
און ווייסט נישט, אַז מען האָט זי אויסגעראָטן.

דער מקונן

נישטאָ ביי אים קיין ווערטער צוגעטראַכטע, כלומרשט נייַע,
נאָר יעדעס וואָרט זיינס גליט און פייַערט, ווי דער שם-הויה.

און איך, וואָס קאָן איך זאָגן נאָך דעם איינציקן מקונן?
ער האָט געטראָגן די יסורים זייַנע, ווי די קרוינען.

איך לייען ווידער זייַנע ברייטע שעלטנדיקע סטראָפן —
ווי ס'וואָלטן אַלע אָדערן ביי אים געוועזן אָפן.

און אין דעם רויטן שטראָם פון בלוט איז אויסגעמישט צוזאַמען
די סאַמע הייסטע ליבשאַפט מיט דעם שאַרפסטן פון די סמען,

דער ווייטיק און די חרפה, און דער האַס צו די פאַררעטער,
די שׂנאה צו די דייַטשן, און די שרעק צו בלייַבן שפּעטער

דער איינציקער געבליבענער, דער ייִדישער משורר —
פון פאָלק דעם אויסגעהרגעטן דער קלאָגער און דער טרויערער.

„אַלטע זאַכן"

„אַלטע זאַכן!" —
איך האָב די ווערטער קוים דערקענט.
אַ הענדלער זינגט זיי אין די גאַסן
מיט אַן אַראַבישן אַקצענט.

אַ ייִד פון תימן האָט געירשעט
פון ייִדיש — אָט די ווערטער צוויי.
דאָס איז מײַן שיינע שפּראַך פון וואַרשע —
אַז ווינד און וויי!

איך רוף אַרויף דעם ייִד און ווײַז אים
די אַלטע זאַכן — זאַך נאָך זאַך,
און ער באַצאָלט אַזעלכע פּרײַזן —
נו, וויפל צאָלט מען פאַר אַ לאַך?

נאָר וואָס וועל איך מיט אים זיך דינגען?
איך גיב אים אַלץ אַוועק געשווינד.
איך הער דעם ייִד שוין ווידער זינגען
די ווערטער צוויי — — — —
אַז וויי און ווינד!

„מײַן שטעטעלע בעלז"

פאַרלוירענע אײנזאַמע שטימען,
דער דענקמאָל — אַלײן װי אַ פעלדז.
דער הימען, אַז װײ איז צום הימען —
„מײַן שטעטעלע בעלז".

די פאַרמעטן װערן פאַרבליאַקעט,
די ייִדישע לידער פאַרשװינדן.
דער פּױלישער הימל איז נאַקעט
און אָפן פאַר הפקרע װינטן.

אױף שטידלען פון ייִדישע טירן —
די פלעקן פון נאָך די מזוזות...
מיט אױגן, װי רױטע געשװירן,
דאָרט װאַנדערן איצטער די מוזעס.

דער ייִד אױף דער ערד איז נישטאָ שױן,
דער ייִד איז געװאָרן פאַרפאַלן,
איז שװעבט ער אין רױם אָן אַ לשון,
אַזױ װי דער ייִד ביי שאַגאַלן.

און מער איז נישטאָ שױן קײן סימן,
קײן שטײן אױפן הײליקן פעלד. — — —
פאַרלוירענע אײנזאַמע שטימען:
„מײַן שטעטעלע בעלז".

צו זיך אַליין

דער שכן קען אים פּאַר אַזאַ פּאָעט,
וואָס שרײַבט נישט אויף דעם לשון, וואָס מען רעדט.

מען זאָגט, אַז ער פאַרנעמט אַ חשוב אָרט —
נאָר ווער פאַרשטייט דען זײַנס אַן אײנציק וואָרט?

אַ מאָדנער מענטש: ער קלייבט זיך אָפּ אַ שפּראַך,
וואָס קיינער נוצט נישט מער צו קיין שום זאַך,

און זעצט זיך צום פּאַפּיר, און רעדט צו זיך אַליין
די שפּראַך, וואָס קיינער קאָן זי נישט פאַרשטיין.

עס טרעפט: ער זיצט אַ טאָג, אַ האַלבע נאַכט,
און רעדט צו זיך אַליין, און וויינט און לאַכט.

דער שכן ווייסט: דאָס איז אַזאַ געזאַנג
פון אָט דעם מענטש, וואָס האָט געלעבט צו לאַנג,

און ווערט נישט מיד צו רעדן אָט די רייד.
אים אַרט שוין נישט, צי עמעצער פאַרשטייט

די שפּראַך. זאָל קיינער נישט פאַרשטיין! —
ער וויינט און לאַכט, און רעדט צו זיך אַליין.

דער געטאָ־דיכטער

דער דיכטער איז פון געטאָ־טויט אַנטרונען.
ער קלאַמערט זיך אין לעבן מיט די פינגער,
ער טרינקט איצט גיריק דאָס געזאַנג פון זונען —
ער איז געוואָרן זייער איבערזינגער.

צי האָט די וועלט געהערט נאָך אַזאַ שירה —
אַ ליד, געלײַטערט אין אַזוי פיל צערן?
ער גייט אַרוים פון פײַער מיט זײַן לירע
און שפּאַרט אַרײַן אין ריטעם די געפּאַרן.

און נעמט ער זינגען — ווערט זײַן פּנים בלייכער.
עס טײַעט אויף דאָס אײַז פון ווײַטן צפון,
די שטיינער פון יהודה ווערן ווייכער,
און די נביאים הערן אויף צו שטראָפן.

און שרעקלעך ווערט דער וועלט, וואָס האָט די זכיה
צו הערן פון אַ געטאָ־דיכטער — לידער.
קאָן זײַן, אין איינעם פון די מאָרגנס פריִע —
אין טויטנטאָל באַהעפטן זיך די גלידער.

צו משה לייב

דײַן גאָלדענע פּאַווע איז אַלט שוין און מיד.
וווּהין זאָל זי פּליִען? אויף יענער זייט ים?
זי ווייסט, אַז אַריבער איר זשומעט און פליט
אַ דזשעט־עראָפּלאַן מיט אַן עק ווי פון פלאַם.

ווי שפּעט, משה לייב, אַזוי שנעל — און שוין שפּעט.
דײַן וואָרט איז נאָך פול מיט בונטאַרישן שוווּנג,
און יענער, וואָס האָט מיט דײַן לשון גערעדט,
ליגט טויט — מיט אַן איבערגעשניטענער צונג.

נאָר איינער, דער לעצטער, וואָס קאָן דיך פאַרשטיין,
היט אָפּ דײַנע לידער, אין בענדער פאַרשנאָלט.
ער בײַסט זיך אין זיי מיט פאַרבלוטיקטע ציין
און עפנט זיי אויף, ווי שקאַטולקעס מיט גאָלד.

אַליינעניו

אַ קראַנקער, צווישן פרעמדע מענטשן,
די שוואַרצע ליפּן זיך דו בײַסט.
דו ביסט געוווינט די וועלט צו בענטשן,
און איצטער שעלטסטו זי און שרײַסט.

דו האָסט געדאַרפט זיך אויסצוזינגען
און צו דערגיין פון גראַ ביז בלאַ —
אַז גאָר די אייביקייט זאָל קלינגען
בײַם אָנקום פון דײַן לעצטער שעה.

נאָר איצטער ליגסטו אין דײַן שאָטן,
און אײַנגעדאַרט איז דײַן געביין,
און אַלע האָבן דיך פאַרראָטן,
געלאָזט אַליינעניו, אַליין.

די גאַנצע היגע וועלט איז ליידיק,
און בלויז איין זאַך מיט איר פאַרבינדט:
דער שאַרפער רשעותדיקער ווייטיק,
וואָס רײַסט דײַן לעבן אָפּ און שינדט.

אַ קראַנקער אויפן בעט דעם הארטן,
דו זוכסט דעם קאַפּעלוש פאַרשמאַכט.
דו קאָנסט נישט און דו ווילסט נישט וואַרטן —
דו שרײַסט דער וועלט „אַ גוטע נאַכט".

יוני 1966

„אויפן וועג שטייט אַ בוים"

געליימט איז שוין דײַן רעכטע האַנט
דאָס רעכטע אויג איז האַלב פֿאַרמאַכט,
און בלויז אַ פֿונק פֿון דײַן פֿאַרשטאַנד
אין האַלב פֿאַרמאַכטן אויג נאָך וואַכט.

און אויף דײַן אויסגעקרימטער ליפּ
אַ לעבעדיקער שטראַל נאָך שפּילט
דעם ספק שמייכל, ספק כליפּ —
און יעדן ענדער ער דערפֿילט.

דו ווערסט זיך קעגן ווערן שטום,
דו רײַסט זיך פֿונעם בעט־געפּענט,
און פֿון דײַן לײַב אַ לייבן־ברום
צעטרייסלט אין שפּיטאָל די ווענט.

נאָר טייל מאָל, אין אַ מיטן טאָג,
ווען פֿונעם ראַדיאָ הילכט דײַן ליד —
באַפֿרײַסטו זיך פֿון פּײַן און פּלאָג,
און שטילערהייט דו זינגסט עס מיט.

די ווערטער ווערן נישט דערהערט,
און אויך דאָס אויג דערזעעט זיי קוים,
נאָר ליכטיק שײַנט פֿאַר דיר די ערד:
„אויפן וועג שטייט אַ בוים..."

סעפּטעמבער 1966

איציק מאַנגער

אַ ווײַסער נאָמען אויפֿן ווײַסן שטיין
פֿון דער מצבֿה — ווי אַ ציטער.
מיט אים איז בעסער, אַז מען בלײַבט אַליין,
אַז צו דער שטילקייט איז נישטאָ קיין דריטער.

בײַ טאָג ער שײַנט אַרויס פֿון מיטן ליכט
און וואָרט כּסדר אויפֿן כּתבֿ דעם ליבן —
זײַן נאָמען איבן וואָרט אויף דעם געדיכט,
וואָס דאַרף פֿון אונטן ווערן אָנגעשריבן.

בײַ נאַכט ער ווערט פֿון מאַרמאָר אָפּגעשיידט
און שוועבט אַוועק צו זײַנע פֿרײַנד — די שטערן.
זיי ווערן העלער, גרעסער פֿון דער פֿרייד
די שיינע לידער זײַנע אויסצוהערן.

1969

אַ ייִד פון פוילן

אַ ייִד פון פוילן, און אַ ייִדיש־רעדער —
איז ער געוואָרן ביַי דעם פאָלק אַ מיַיסטער
דאָס גאָלד אַרויסצוגראָבן מיט דער פעדער —
און כּישוף־וווּנדער מיטן וואָרט באַווייַזט ער.

אַ ייִד פון פוילן איז אַ גרויסער יחוס,
כאָטש שטאַמען שטאַמט ער דווקא פון די קרעמער.
ביַים פּראָסטן פאָלק האָט ער גענומען סמיכות
צו מאַכן פון דער שפּראַך פאַר זיך אַ זמר.

אַ ייִד פון פוילן, און די בלייכע בעזן —
זיי הערן אין זיַין שפּראַך נישט אויף צו בליִען,
כאָטש ער וויל אינעם קבר־לאַנד פאַרגעסן
און זוכט אַצינד אַ טרייסט ביַי די נביאים.

די ווערטער דרײַ

ביסט אומגערעכט געווען, גאָט, צום פּאָעט —
דו האָסט אים צוגענומען אַלע ווערטער.
ווען ער וואָלט כאָטש מיט דרײַ פון זיי גערעדט,
געווען ער וואָלט אויך דעמאָלט אַ דערהערטער.

ווען ער זאָל האָבן אָט די ווערטער דרײַ,
פון אַלע זײַנע רייד — די אויסדערוויילטע,
ער וואָלט באַנוצט מיט זיי זיך אויף דאָס נײַ
און מער געשווינט די ווערטער צוגעציילטע.

די ווערטער זענען : ליב, און שטיל, און בלאָ —
גענוג אויף אָנצורופן אַלע זאַכן,
וואָס זענען מער שוין אויף דער וועלט נישטאָ
און וועלן מיט די טויטע ערשט דערוואַכן.

די ווערטער זענען נעמען פאר אַ צײַט,
אַן אויפגעריסענע פון פּעך און שוועבל —
מיט קלאַנגען פון אַן אַנדערן באַטײַט,
מיט פּנימער, פאַרשווונדענע פון לעבן.

די תפילה איז קליין

פון ווען איז דער ווען
און פון ווו איז דאָס אָרט?
דער ווען איז געווען
און דאָס אָרט איז אַ וואָרט.

אַ וואָרט וואָס איז פּוסט
און אַ בלויזער באַטײַט:
געשען, און געוווּסט,
און פאַרגאַנגענע צײַט.

די צײַט איז שוין שטום,
ווי אַ הויפן פון אַש.
איך טראָג זי אַרום,
ווי אַ תפילה אין טאַש.

די תפילה איז קליין —
בלויז דאָס איינציקע וואָרט
פון מענטש אָן געוויין,
אָן אַ ווען, אָן אַן אָרט.

פאַרקלונגענע ווערטער

ווער קאָן דען פאַרשטיין און באַגרײַפֿן
פון ייִדישן דיכטער די גבורה —
פאַרקלונגענע ווערטער צו שלײַפֿן
און שנירלען זיי שורה צו שורה?

פון דרויסן — דער שוימיקער חוזק,
אין האַרץ — פונעם צווייפל דאָס קלעמען,
און ער מוז נאָך העפטיק און ברויזיק
מיט ייִדיש דאָס לעבן פאַרנעמען.

מען הערט מער קיין קינד שוין נישט וויינען
אין טײַערן מאַמישן לשון,
און ער — ער טוט אַלץ, מען זאָל מיינען,
אַז בלוט קאָן נישט ווערן פאַרלאָשן.

צום לאַכן, צום וויינען, צום ליבן
געפינט מען שוין אַנדערע ווערטער,
און ער איז אין ייִדיש געבליבן —
און בלויז די געדעכעניש הערט ער.

ער זינגט, און פון קלאַנגען די שטילע,
ער טוט אויף זיך אָן זייער דויער.
ער וויל נישט, מען זאָל אים, חלילה,
באַגראָבן אין סוווּעס פון טרויער.

ניישט פֿאַרגעסן

*

גאָט !
איך קאָן מער נישט אויסהאַלטן
די שרעק.
טויזנט מאָל
האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ
צווישן ליבשאַפט און טויט,
אוןביידע
איז בײַגעקומען מײַן בלוט.
איצט וויל איך נישט מער,
נאָר גרינגס און רו,
גרינגס און רו.

גאָט !
איך בעט נישט בײַ דיר
די ביימער,
וואָס גיבן די פּרוכט,
נאָר יענע,
וואָס גיבן דעם שאָטן.
איך וויל נישט מער,
נאָר שאָטן און רו,
שאָטן און רו.

גאָט!
מיך אַרט שוין נישט מער
דאָס קליינע קינד וואָס שרײַט,
דאָס מיידל וואָס זינגט.
זייביידע
דערמאָנען אַ ליכטיקע ווײַט.
איצט וויל איך נישט מער,
נאָר נעפּל און רו,
נעפּל און רו.

אַזוי פיל מאָל

פרץ מאַרקישן

א

אַזוי פיל מאָל
איך גיי מיט דיר
דעם קורצן וועג
פון צעלע צו דער וואַנט ;
אַזוי פיל מאָל
מען צילט אין מיר
די רגע פון דײַן אַנגסט.

נאָר איך אַנטרין.
מיך יאָגט דײַן אויסגעשריי
פון יעדער הויכקייט אויף דער ערד.
מיר דוכט :
איך זינג פאַר צוויי —
איך זינג דײַן ליד,
וואָס איז פאַרווערט.

ב

אַזוי פיל מאָל
אַ חלום איז פאַראַן:
פון טויט,
ווי פון אַ פינצטערן טונעל,
דו גייסט אַרויס,
און שפּאַן נאָך שפּאַן —
די ערד ווערט העל,
און איך דערהער דײַן קול
דורך טויטע צוואַנציק יאָר.

דײַן ליד ווערט ווידער וואָר.

דאָס לעצטע בוך

שמואל האַלקינען

איך האַלט איצט אין דער האַנט דאָס לעצטע בוך —
דײַן בוך — שוין נאָך דײַן טויט אַרויסגעגעבן.
איך נישטער און איך בלעטער — און איך זוך
די שורות פון דײַן ווינטערדיקן לעבן.
דעם נאָמען האָט אַ פרעמדער צוגעטראַכט,
אַ פרעמדער האָט די לידער אָפּגעקליבן
און אין אַ ווײַכער הילע זיי פאַרמאַכט —
נישט דײַנע, כאָטש דו האָסט זיי אָנגעשריבן.

און איך געדענק דיך פון אַ ווײַסן פראָסט —
אַ נאַכט פון דעם מלחמהדיקן דויער.
דער מאָסקווער האַרבער ווינט האָט נישט געלאָזט
מיך אויסהערן דײַן ליד — ער האָט געוואָיעט.
דײַן שמייכל איז געווען נאָך וואָך און דין,
דײַן פּנים — נישט צעשניטן נאָך פון קראַטעס,
און נישט באַרעכטיקט האָסטו נאָך דעם דין,
און נישט גערעדט אין נאָמען פון סאָקראַטעס...

דו ביסט געווען נאָך אייפעריק און יונג,
נאָר נישט פאַרגונען, וואָס איך בין נאָך יינגער;
דײַן טראָט געווען איז ענלעך צו אַ שפּרונג,
נאָר נישט פאַרגונען: מײַנער איז נאָך גרינגער.
און בלייכער ווערן פלעגט דײַן בלייכע הויט,
ווי נאָר דו האָסט אויף שיינקייט אָנגעטראָפן.
דו האָסט דער וועלט געגלויבט נאָך און געטרויט —
געזונגען האָבן אַלע דײַנע סטראָפן.

נישט פאַרגעסן

אַ ליבשאַפט-כוואַליע וויגט זיך אין מײַן בלוט,
און ווערטער הער איך — נאָענטע און פּראָסטע.
איך האָב אײַך נישט פאַרגעסן קיין מינוט —
חברים, דיכטער יִידישע פון מאָסקווע!

עס שיט נאָך אַלץ דער ביאַליסטאָקער שניי,
דער גראָער הימל איז געבליבן אָפן,
ווי אין דעם טאָג, ווען צווישן וויי און פרייד
מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן.

געקומען זענט איר פון די ווײַסע פרעסט,
מיט וויי און מוט געפרוּווטע און באַקרוינטע,
אַרײַנצונעמען מיך אין אײַער נעסט,
וואָס איז דערווײַל געבליבן אַ געשווינטע.

און גאַנצע טעג, און אָוונטן ביז שפּעט,
געהערט האָב איך אַ צפונדיקן ניגון.
נאָר ביזן סוף איר האָט נישט אַלץ דערדעדט,
און עפּעס האָט איר אומעטיק פאַרשוויגן.

איר האָט געטיילט מיט מיר דעם ביסן ברויט —
אין פרײַנדשאַפט איז ער זיס געוועזן צום גומען.
און שפּעטער האָט איר מיך פאַרשטעלט פון טויט,
ווען איך האָב קיין געווער דאָרט נישט באַקומען...

איר האָט צעשטערט מײַן פרעמד אין נע ונד,
און יעדע פײַן מיר אויסגעטײַטשט צום גוטן,
און אין אַ מאָסקווער נאַכט פון פערציק גראַד
געוואַרעמט מיך מיט לידער און סאַליוטן.

פון יענער וואַרעמקייט אַ שפּור איך זוך:
אַ ייִדיש ליד — זאָל זײַן מיט קרומע נונען,
אַ נאָמען אויף אַ טאָוול פון אַ בוך,
אַ חלום, אַז איך האָב אײַך אָפּגעפונען.

1957

אַ חתונה בײַ ייִדן

אין דער שענסטער שטאָט פון ליטע
הילכן ייִדישע געזאַנגען.
ווי אַזוי איז אָט די פליטע
דאָ, קיין תל-אביב, דערגאַנגען?

זינגען פרויען, זינגען מענער,
אין אַ נאַכט פון פרייד און פרידן,
און די שענסטע שטאָט ווערט שענער
אויף אַ חתונה בײַ ייִדן.

פרויען — אַלטן און סאָפּראַנען,
מענער — באַסן און טענאָרן,
ווי אַ פאָלק וואָלט אויפגעשטאַנען
און צעזונגען זיך אין כאָרן.

אויף אַ חתונה בײַ ייִדן
הייבן פרויען אָן באַזונדער,
און די באַסן נעמען זידן,
און דאָס ליד ווערט פולער, רונדער,

ביז אין איינעם אַלע שטימען
שטײַגן העכער אַלץ און העכער,
און עס בלײַבט נישט מער קיין סימן
פון דעם שניי אויף ווילנער דעכער.

הער, די שטילקייט נעמט זיך שיטן
אינעם אָפּהילך פון די באַסן —
ייִדיש שאַלט אויף ס'נײַ אין מיטן
פון די אַלטע טויטע גאַסן.

און דאָס ליד באַפרײַט פון וואַקל
אויך דעם וואַנדערטראָט דעם מידן. —
איז דאָס אַלץ דען בסך־הכל
בלויז אַ חתונה בײַ ייִדן?

ווער וועט איצט דעם צוג פאַרהאַלטן?
ווער וועט דאָס געזאַנג פאַרשרײַען?
פון די באַסן און די אַלטן
הייבט אַזש אָן סיביר צו טײַען!

און דער פּחד ווערט צעבראָכן
אין אַ נאַכט פון פרייד און פרידן —
אויף אַ יום־טוב אין דער וואָכן,
אויף אַ חתונה בײַ ייִדן.

דאָס איז געווען...

דאָס איז געווען די צײַט פון מאָנומענטן:
אין יעדער שטאָט — אַ פּלאַץ, אַ מאָנומענט.
און ענלעך איינער איז געווען צום צענטן,
ביז אַלע שוטים האָבן אים געקענט.

די פּאָזע — נאָר אויף וועלטן אײַנצוצונעמען,
די קאַפּיצעס — נאָר אין אײַזן און אין שטיין.
בלויז אין די גרויסע צימערן פון קרעמל
געווען איז ער נאַטירלעך — שוואַך און קליין.

און ליב געהאַט האָט ער בלויז פון דער ווײַטן
צו זען דעם ווילד-געוואָרענעם המון,
וואָס שפּאַרט צום רויטן פּלאַץ פון אַלע זײַטן,
און טראָגט צו אים דעם יובל, ווי אַ קרוין.

ערשט דעמאָלט איז זײַן לעצטע שרעק פאַרשוווּנדן.
און ווען ער האָט דערפילט די גאַנצע מאַכט,
האָט זיך זײַן בליק מיט חוזק אָנגעצונדן,
און ביז שגעון האָט ער זיך צעלאַכט.

פאַרלאָזט

מען טענהט, אַז איך האָב פאַרלאָזט
דאָס וועטער פון שניי און פון פראָסט.

מען טענהט, אַז איך האָב דערקענט
די טרוקענע ערד פון אָריענט.

מען טענהט און טענהט אויף ס'ניי:
אַז איך בין געווען נישט געטריי,

אַז איך האָב גענוג נישט געדאַנקט —
פאַר לאָזן מיך לעבן צו לאַנג,

פאַר געבן מיר ערד צו די טריט,
פאַר רופן מיך „יודע" און „זשיד"...

נו גוט, איך בין מודה מײַן שולד:
מיר האָט נישט געקלעקט קיין געדולד

צום וועטער פון שניי און פון פראָסט —
צו טײַער האָט דאָס מיך געקאָסט.

ווײַל איך האָב באַצאָלט אַזאַ פרײַז:
די קברים געהאַקט אינעם אײַז,

און נאָך דער באַגראָבענער וועלט —
מײַן קדיש געזאָגט אין דער קעלט.

דורך טויער און טויער

ערב

א

אַן אָנגעשטרענגטע נאַכט,
אַ שטילקייט אָן אַ שטער,
נאָר עמעצער דאָ וואַכט —
זײַן אָטעמען איך הער.

ווער היט דאָס קליינע לאַנד,
ווער איז דער וועכטער, ווער?
און וועמענס יונגע האַנט
לאָדט אָן איצט דאָס געווער?

ב

דעם פויגל וועקט דאָס ליכט.
און אפשר גאָר פאַרקערט?
דער טאָג, ווי אַ געוויכט,
געלייגט ווערט אויף דער ערד.

די ערד, די ערד, די ערד —
אַ בלאַט טוט זיך אַ ריר.
די ערד, די ערד, די ערד —
אויך איך בין איצט אויף איר.

ג

סוף פרילינג אין דער פרי.
אַ הימל־בלאָע פּאָן
און ביימער אינעם בלי
אין געסל אַיָלון.

ווער איז דער גראָער פלעק,
אין גראָען אָנגעטאָן?
מײַן שכן גייט אַוועק
פון געסל אַיָלון.

ד

דאָס בליִעכץ פאַלט, ווי שניי,
יונג־יוניק איז די לופט.
מײַן געסל — אַן אַליי
אין פרילינגדיקן דופט.

ווער גייט עס דאָרט, ווער גייט?
יונג־יוניק איז די לופט.
מײַן שכן איז שוין גרייט
צו ווערן אויסגעפרווּוט.

1967

דורך טויער און טויער

אַזוי זענען ייִדן געגאַנגען דורך טויער און טויער,
מיט קינדער און זקנים — אַהין, צו דער הייליקער מויער.

די וועלט האָט דעם גאַנג נישט געזען שוין זינט יאָרן
צוויי טויזנט:
אַ גאַנג אין געדראַנג, אין געוויין, אין געצוימטקייט —
און ברויזיק.

ווי ס'וואָלט זיך אין רחמים פאַרוואַנדלט
דער פינצטערער צאָרן —
און לעבעדיק זענען די אַשן פון פוילן געוואָרן.

איך גיי מיטן פאָלק, אויך איך גיי צו דער הייליקער מויער,
דעם גאַנג אין געדראַנג, און מיט טרערן פון פרייד
און פון טרויער.

מען מעג שוין! מען דאַרף זיך שוין מער מיט די טרערן
נישט שעמען:
אַז ס'וויינען די זעלנער — פאַר וועמען זיך שעמען,
פאַר וועמען?

עס וויינען נישט — בלויז יענע העלדן וואָס זענען געפאַלן.
זיי קאָנען נישט זען, ווי עס קומען די דרייַ גענעראַלן:

דיין, און רבין, און נרקים — דורכן טריומפיקן טויער —
אין גאַנג, אין געדראַנג — אַהין, צו דער הייליקער מויער.

די שבועה

די אַלטע ווערטער פון תנך
איך זע איצט יונגע, איבעררױשטע.
זיי ווערן ווידער וואָר און וואַך:
— בחרבי ובקשתי.

דער נס מיט קול־דממה שרײַט
פון ברענענדיקן דאָרן
און שנײַדט זיך אײַן אין אונדזער צײַט
פון מאָרד און פון מאַטאָרן.

איך קום אויף דער באַפרײַטער ערד —
פון וואָרט און ווינט אַן אָפּגעבריטער:
אַ זעלנער אין די תפילין שווערט
צו זײַן איר היטער.

שוואַרצע רעמען

און ווידער שוואַרצע רעמען,
און יעדער נעקראָלאָג איז ווי אַן אָרון.
מיר דוכט זיך, אַז איך קען די אַלע נעמען,
די אַלע יונגע פּנימער און יאָרן.

פֿאַר מיר איז צווישן זיי נישטאָ קיין פֿרעמדער,
פֿאַר מיר איז דאָרט נישטאָ קיין אומבאַקאַנטער.
געקומען פֿון אַזוי פֿיל שטעט און לענדער —
און איינער איז דעם צווייטן אַ פֿאַרוואַנדטער.

און ווידער שוואַרצע רעמען.
ווידער וועלן זיין צוריק נישט קערן.
נאָר וועמען וועט דאָס איצטער טרעפֿן, וועמען?
ביי וועלכע מאַמעס וואַרטן איצט די טרערן?

מאַמע רחל

אַ יונגער זעלנער לעבן מיר אין אויטאָ.
ער דרעמלט, אַ צעקנייטשטע איז זײַן בלוזע.
די אויגן זײַנע — פול מיט שטויב און רויטע,
און אָנגעשפּאַרט זײַן האַנט איז אויפן „עוזי".

מיר פאָרן ביידע צו דער מאַמע רחל.
יאָרטויזנטער בײַ מיר שוין אַלט דער טרויער איז,
און ער — אין טעג האָט ער אַדורכגעבראָכן
דעם וועג, וואָס האָט בײַ מיר געדויערט דורות.

און אָנגעקומען — זאָגן מיר די תפילה
און הייבן אָן דערמאָנען זיך צוזאַמען,
ווי זי זעט אויס, אַ שיינע און אַ שטילע —
אַז זי איז ענלעך צו אַ יעדנס מאַמען.

מיר שטייען אין אַן איבערהיפּ פון יאָרן,
און רחלס חן ווערט אויסגעמישט מיט פחד.
פון יונגן זעלנער איז אַ קינד געוואָרן,
און איך דערזע פאַר זיך מײַן מאַמע יאַכעט —

אַ יונגע נאָך, די אויגן פול מיט טרערן,
און איבער זיי — די צניעותדיקע ברעמען.
און דורך איר מויל איך הייב אָן צו דערהערן
פון אַלע אומגעקומענע — די נעמען.

כותל־מערבי ביי נאַכט

אַ נאַכט — אַ חלום, און איך מוז אים גלייבן.
פון דער לבנהס קאַלטן ליכט איצט גלי איך.
איך גיי אַדורך דעם טויער פון די לייבן
און זוך די אַלטע שפּורן פון משיח.

עס קרעכצן אונטער מײַנע טריט די שטיינער,
און באַלד אַנטפּלעקט זיך מיר דער פּלאַץ — אַ פּוסטער,
און בלויז אַ מנין אייביקע באַוויינער,
וואָס רופן צו אַ ווײַט אַן אומבאַוווּסטער.

דער מנין ייִדן מיט די בערד און פּיאות
איז אײַנגעהילט אין שוואַרצן און אין בלייכן.
זיי שרײַען, און די וואַנט פול מיט געשריי איז,
נאָר צו דער טרייסט זיי קאָנען נישט דערגרייכן.

בלויז איינער, אין אַ זײַט, שטייט אָן אַ תנועה,
דאָס פּנים צו דעם הימל אויפגעהויבן.
ער הערט זיך אײַן אין זייער תפילה־טוען
און שטיל ער בעט אַ טייל פון זייער גלויבן.

דער מנין ייִדן ענדיקט שוין די תפילה,
דער לעצטער „אָמן” הילעכט אָפּ בציבור.
אַ גאָלדענע לבנה און אַ פולע
באַקריינט דעם איינציקן, וואָס בלײַבט דאָרט איבער.

משה

מן

דער מן, וואָס פֿאַלט פֿון הימל מיטן טל,
האָט טויזנט טעם, און ווי דער טוי — איז פֿריש.
נאָר פֿון דעם מאכל קערט שוין צו דער גאַל —
די מענטשן גאַרן עסן פֿלייש און פֿיש.

זיי גייען משהן נאָך אויף יעדן שפּאַן,
זיי מאָנען הויך, זיי מורמלען אין דער שטיל:
— מיר האָבן שוין גענוג דעם זיסן מן,
מיר בענקען נאָך די פֿיש אין טאָל פֿון ניל.

פֿאַרצווייפֿלט האָט ער זיך צו גאָט געווענדט:
— איך קאָן שוין מער נישט טראָגן אָט די לאַסט.
פֿאַרשוואַכט געוואָרן זענען מײַנע הענט
פֿון זייער ווידערשפּעניקייט און האַס.

זיי ווילן נישט קיין מן, נאָר פֿלייש און פּעטס,
זיי שאַצן נישט די פֿרײַהייט אָן דער זעט.
זיי וואָלטן דיך פֿאַרביטן אויף אַ געץ
און אומגעקערט זיך אין די שקלאַפֿן־שטעט.

באַפֿרײַ מיך, גאָט, באַפֿרײַ מיך פֿון דעם עול,
און גרייט בין איך צו צאָלן יעדע שטראָף.
אַ פֿאַסטעך לאָז מיך ווערן, ווי אַ מאָל,
און פּיטערן וועל איך די שטילע שאָף. — — —

נאָר אָנגעצויגן האָט פון ים דער ווינט
און מחנות וואַכטלפייגל אָנגעבראַכט.
דאָס פאָלק האָט זיך אויף זיי געוואָרפן בלינד
און זייער פלייש געגעסן טאָג און נאַכט.

דורשט

אַ שׂרפה פון זאַמד אינעם ווינט,
דאָס מינדעסטע זעמדל — אַ פונק.
די אויגן פון היץ ווערן בלינד,
פון דורשט ווערט פאַרטריקנט די צונג.

דאָס פאָלק קומט צו משהן און שרײַט:
— מיר קאָנען שוין ווײַטער נישט גיין.
דו האָסט אונדז פון קנעכטשאַפט באַפרײַט,
אויף לאָזן דאָ אונדזער געביין.

און משה דערהערט האָט אַ שטים:
„אין פעלדז ליגט פאַרכישופט אַ שטראָל.
גענוג, אַז זאָלסט רעדן צו אים —
און עפענען וועט זיך אַ קוואַל".

נאָר ווי זאָל ער רעדן צום שטיין?
דער פעלדז איז פאַרשלאָסן און שטום,
און הערט נישט דאָס יאָמער-געוויין
פון דורשטיקן פאָלק דאָ אַרום. — — — —

דעם שטעקן, וואָס האָט אים געדינט
אַ מאָל נאָך ביים שפּאַלטן דעם ים,
ער הייבט אויף. דאָס וואַסער, וואָס רינט,
לעשט אויס אינעם מדבר דעם פלאַם.

די עדה קומט אָן אין געדראַנג
מיט ווײַב און מיט קינד און מיט פי,
און שטילט מיט דעם לויטער געטראַנק
איר דורשט אינעם העלישן גלי.

דאָס שוואַרצע ווײַב

פון וואַנען קומט זי אין דעם מדבר־סין?
ווער האָט זי אין דער לאַגערונג געבראַכט?
איר יונגע הויט איז ציטערדיק און דין,
נאָר הײס און טונקל, ווי אַ דזשונגל־נאַכט.

זי איז אַ טײל פון עמעצנס פאַרמעג —
אַ שפחה בײַ אַ רײַכן שבט־הויפּט.
דער מצרי האָט פאַרכאַפּט זי אין געשלעג,
ישׂראל האָט בײַ אים זי צוגערויבט.

פאַרגעסן האָט זי שוין איר כושים־לאַנד,
און יעדן האָר געדענקט זי לויט דער רוט.
נאָר ווייך איז די באַוועגונג פון איר האַנט,
פון צאַרטער לײַדנשאַפט איז רויט איר בלוט.

אויך זי איז דורך אין טריקעניש דעם ים,
און דאָך איז זי געבליבן נישט באַפרײַט.
אין אירע אויגן פלאַקערט נאָך דער פלאַם
פון שקלאַפערײַ אויף דער מצרים־זײַט.

און ער, דער פירער פון באַפרײַטע קנעכט,
דערהערט האָט דאָס געוויין פון שוואַרצן לײַב,
און אויף אַ מאָל געשענקט איר אַלע רעכט —
ער האָט געמאַכט זי פאַר זײַן אייגן ווײַב. — — —

געגרימט האָט אַהרן, מרים האָט באַרעדט,
ווען ער האָט זי גענומען אין געצעלט.
זי האָט אים מיט איר שוואַרצער האַנט געגלעט
און אין איר ליבשאַפט האָט דער סנה געהעלט.

גאָטס געשטאַלט

צום צוגעזאָגטן לאַנד איז זייער ווײַט,
מיט מדבר אָנגעזאַפּט איז דער מעת-לעת,
און הינטן גייט דאָס ערב-רב און שרײַט:
— באַווײַז אונדז, פּירער, יעדן טאָג אַ נס!

און ווייניק שוין דאָס וואַסער פֿונעם שטיין,
און ווייניק אויך — דאָס הימלברויט, דער מן.
זיי ווילן די געשטאַלט פֿון גאָט אַליין
זאָל זיך באַווײַזן — אויב ער איז פֿאַראַן.

נאָר ווי קאָן ער אַנטפּלעקן זיי דעם סוד,
וואָס ער האָט אויך פֿאַר אַהרנען פֿאַרהיט —
אַז די געשטאַלט פֿון איינציק גרויסן גאָט
איז מער נישט ווי אַ בענקשאַפֿט פֿון געמיט?

אַז יענער שטורעם אויפֿן סיני-באַרג
איז מער נישט ווי דער דונער און דער בליץ
פֿון פֿײַער אין אַ גלייבנדיקן האַרץ —
די צען געבאָט האָט ער אַליין געקריצט?

צי זענען זיי דאָס ראוי צו פֿאַרשטיין,
אויב בלויז דאָס אויסטערלישע איז זיי קלאָר?
צו ווייניק קענען זיי נאָך זיך אַליין,
אַז גאָט זאָל זיך באַווײַזן אויף דער וואָר.

אָנכי

איך שטעל צונויף פון יעדן אות און טראָף
אַ שריפט פון שטערן־נעפּלען און געוויכן —
דער נאָמען פאַר דעם הייליקן באַשאַף —
אָנכי!

כאָטש וואָס בין איך? אַפילו נישט קיין אות,
קיין שטויבל נישט פון גאַנצן אַלגעוועלטיק.
דאָך שלעפּט מיך מיט אַ שטורעמדיקער גאָם —
אַ טייל בין איך פון גאָט, און איך געוועלטיק.

נאָר ווייַ! איך האָב אויך אויסגעקריצט די זינד —
אויף לוחות האָב איך אויסגעקריצט די לאָוון.
איצט טראָג איך זיי, אין שטורעם און אין ווינט,
צום וואָנדערפּאָלק פון די באַפרייַטע שקלאָפן.

צי וועלן זיי דען גלייבן אין אַ שריפט?
זיי דאַרפן אַלע ווונדער — אויסגעפאָרעמט.
אָט שטייט דער קאַלב דער גאָלדענער און בליפּט,
און דער המון — צו זייַנע פיס זיך וואָרעמט.

צו וואָס האָב איך דאָרט אויסגעקריצט די זינד?
צו וואָס האָב איך געחתמעט אַלע לאָוון?
— צעברעך די לוחות! זאָלן ווערן בלינד
די אותיות, באַהאָפטענע אין טראָפן.

און זאָלן זיי אַוועק פון הארטן שטיין
צוריק צו שטערן־נעפּלען און געוויכן,
און בלייַבן זאָל איין וואָרט בלויז, גאַנץ אַליין —
אָנכי!

קרני הוד

ער גייט אַראָפּ, אין הויכן אײַנגעהערט,
און אויף זײַן פּנים שײַנט נאָך אַלץ די הויט.
ער נידערט מיט די לוחות צו דער ערד
און טראָגט צום ערשטן מאָל די קרני הוד.

אַן אַנדער ליכט, אַן אויסטערלישס דאָס ליכט:
אי מילד ווי בלאָ, אי אימהדיק ווי רויט.
ער טראָגט פון גאָר דער וועלט איצט דאָס געוויכט —
ער טראָגט צום ערשטן מאָל די קרני הוד.

און פּלוצלינג טוט אין אויגן אים אַ בלענד
דאָס גאָלד — אַ טאַנץ פון תאווה און פון טויט.
ער לאָזט אַרויס די לוחות פון די הענט
און ס׳לעשן זיך אויף אים די קרני הוד.

דער סיני טוט אַ ציטער הינטער אים,
דער פײַערזײַל נעמט צאַנקען ווי אַ קנויט.
ס׳איז שטיל אַרום, בלויז משה הערט אַ שטים:
— ס׳וועט קיינער מער נישט זען די קרני הוד.

זיי וועלן שײַנען בלויז אין דײַן געצעלט,
ווען דו ביסט מיט דער איינזאַמקייט פאַרטרויט,
ווען דו ביסט פון די שטאַרביקע פאַרשטעלט —
זיי בלײַבן דײַנע בלויז, די קרני הוד.

די שטראָף

געוואָרפן כ'האָב די לוחות אין צעברעך
און אָנגענומען כ'האָב זיך פאַר דײַן אייפער,
און דו האָסט מיך באַפוילן: דאָס פאַרברעך
פאַרשרײַבן אויף די פאַרמעטן פון ספר.

גענוג! איך וויל נישט פירן מער דאָס בוך
פון עוולות דײַנע, בלײַבן דער באַשטראָפער.
באַפרײַ מיך און אַן אַנדערן זיך זוך,
און מיך לאָז זײַן אַ שטויבעלע פון עפר.

קער אום מיך ווידער צו דער סטאַדע שאָף,
און שפּעטער — צו דעם אומבאַקאַנטן אפר.
איך נעם אויף זיך די גאַנצע הארבע שטראָף,
פאַרשרײַב זי אויף מײַן חשבון אין דײַן ספר.

איינזאַמקייט

דאָס איינציקע, וואָס דו האָסט מיר געשענקט —
געווען איז פון דײַן איינזאַמקייט, מײַן האַר.
אין קנעכטשאַפט נאָך האָב איך נאָך איר געבענקט,
געלאָפן כ'בין צו איר פון דער געפאַר.

און שפּעטער, אין דעם שקלאַפישן המון,
וואָס האָט מיך שיר צעטראָטן מיט זײַן טראָט —
זי האָט מיר אָנגעטאָן די דערנערדיקע קרוין
און אינעם דאָרן — מיר געוויזן גאָט.

דער דאָרן ברענט נאָך ווי אַ מאָל, ער ברענט
אַ נישט געזועענער אין ווינסטן העק.
איך האָב אין אים מײַן איינזאַמקייט דערקענט,
און פֿײַער איז מײַן ליבשאַפט און מײַן שרעק.

אויפֿן באַרג נבו

אַרויף בין איך שוין אויפֿן באַרג נבו.
דאָ וועל איך בלײַבן ביז צום סוף אַליין,
און קיינער וועט נישט וויסן ווי אַזוי
מײַן קערפּער ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ שטיין.

דאָס איז פֿון גאָט די צוגעטראַכטע שטראָף
דערפֿאַר, ווייל כ׳בין געוועזן צום שטיין צו האַרב:
אַז קיינער זאָל נישט פֿירן מיך צום סוף,
אַז איינזאַם זאָל איך בלײַבן ווען איך שטאַרב.

דער העכסטער אויפֿשטײַג — און אַרום איז פּוסט.
פֿון פֿאָלק דער טומל גרייכט שוין נישט אַהער.
איך האָב דעם לעצטן אמת זיך דערוווּסט,
און לעבן מיט אים ווײַטער איז מיר שווער.

אַראָפּגעצויגן פֿון מײַן גוף דאָס קלייד —
און נאַקעט גיי איך צו דעם לעצטן ראַנד.
פֿאַרלאָשן ווערט די זון, די זון פֿאַרגייט,
און ס׳בלײַבט דאָס קאַלטע פֿײַער פֿון פֿאַרשטאַנד.

נאָר ווײ! דאָס בלוט אין מיר איז אַלץ נאָך רויט,
און איך טו תּפֿילה נאָך אין שרעק און גרויל:
אַז נישט קיין מלאך ברענגען זאָל דעם טויט,
נאָר גאָט אַליין — אין קוש פֿון מויל צו מויל.

אַרויפֿגעקלעטערט האָט ער אויפֿן באַרג

ווי פֿעלדזנשטיין דאָס האַרץ מוז בלײַבן שטאַרק,
און לויטער, ווי דער הימל — דער פֿאַרשטאַנד.
אַרויפֿגעקלעטערט האָט ער אויפֿן באַרג —
אַ קוק טאָן אויפֿן צוגעזאָגטן לאַנד.

נאָך פֿערציק יאָר פֿון וואַנדערן אין זאַמד
געקומען איז ער צו דעם לעצטן פּרוּוו.
די זון פֿון יענער ירדן־זײַט, וואָס פֿלאַמט,
האָט אין איר שקיעה אײַנגעהילט זײַן גוף.

אויך ער צום זעלבן מדבר־דור געהער,
אויך אים איז נישט דערלויבט אַהין דערגיין.
אויך זײַן פֿאַרגאַנגענהייט איז אים צו שווער,
ווי יענע לוחות פֿונעם ווײַסן שטיין.

ער איז דער פֿירער פֿון באַפֿרײַטע קנעכט.
ווי קנעכט — זיי זענען אײַנגעשפּאַרט און בלינד.
ער שטראָפֿט זיי שטרענג, ער משפּטט זיי גערעכט.
און דאָך — ער טראָגט אַ טייל פֿון זייער זינד.

צוזאַמען מיט דעם מדבר־דור ער שטאַרבט
און בלײַבט דאָ איבער אויפֿן סאַמע ראַנד...
אַרויפֿגעקלעטערט האָט ער אויפֿן באַרג —
אַ קוק טאָן אויפֿן צוגעזאָגטן לאַנד.

1970—1956

מיט העלדזער ווײַסע

*

מיט העלדזער ווײַסע, העלדזער אויסגעשטרעקטע,
געלאָפֿן זענען מײַנע יונגע יאָרן.
קיין איינע פֿון די פֿריידן די אַנטדעקטע
האָב איך נישט אָפּגעשפּאָרט און נישט באַוואָרנט.

פֿון יעדן טאָג געפֿאָדערט האָב איך הונדערט,
צו שנעל געוואַקסן זענען מײַנע נעגל.
געלאָפֿן בין איך אין דער וועלט פֿאַרוווּנדערט
און צוגענומען אַלץ — אָן איבערפֿרעגן.

איצט צאָל איך פֿאַר מײַן איפּער דעם צעגליטן,
און יעדער טאָג — אַ שטר אָן אויסגעשטעלטער.
איך צאָל. זאָל גאָט דער איינציקער פֿאַרהיטן,
אַז איך זאָל בלײַבן שולדיק אויף דער עלטער!

ווען איך וועל זײַן שוין הויל און אויסגעליידיקט
פֿון אַל דאָס אָנגעבאָרגטע און פֿון פֿרעמדן —
וועל איך אַרויסגיין אויך פֿון שטילן ווייטיק,
און מער וועט מיך דאָס טאָגליכט נישט פֿאַרבלענדן.

אַזאַ מין שטראָף

דער טאַטע האָט פאַרטראַכט אַזאַ מין שטראָף,
אַז איך זאָל אויסגיין שטילערהייט פון תענוג:
זײַן ניגון האָט נישט צוגעלאָזט דעם שלאָף,
זײַן ניגון האָט אַ גאַנצע נאַכט געפּײַניקט.

און קיינער האָט דעם ניגון נישט געהערט.
אַ שטילקייט האָט די שטערן אײַנגעשלונגען,
און אויף דער גאַנצער שלאָפנדיקער ערד
דער ניגון האָט פאַר מיר אַליין געזונגען.

איך האָב אים נאָכגעקלעטערט אין דער הייך,
איך בין מיט אים געפאַלן אין דער נידער,
און בײַ זײַן יעדן אויפשטײַג און דערגרייך —
ער האָט נאָך זיך מיך מיטגעצויגן ווידער.

און פאַר דעם ערשטן ליכטשפּראָץ אויף דער וועלט —
ער איז צו לעצטער הויכקייט אויפגעשטיגן.
און דאַן האָט זיך מײַן אָטעם אָפּגעשטעלט
צוזאַמען מיטן אויסגיין פונעם ניגון.

*

צוריק צום אומעט פון די פריִע יאָר —
צו זייער ליבשאַפט וועל איך אויך דערגיין,
און איידער איך טו אָן די גראָע האָר,
אַ פלייץ טאָן זאָל אַ יוגנטלעך געוויין.

איך שטרעק צו זיי די ציטערדיקע הענט,
אַז ווידער זאָל אַ כוואַליע פונעם בלוט
פאַרגיסן מײַנע אויגן ביז צו בלענד —
און פון דעם וויטיק זאָל מיר ווערן גוט.

אַ ליגן

אַדורכצולאָזן בלויז איין פֿײַער־פֿונק —
און אַלע דערנער וועלן נעמען ברענען.
און איבער אַש — איך וועל ווערן יונג
און ווידער צו דעם אַנהייב זיך באַקענען.

פֿון רויך און רויש, פֿון ווערטער און פֿון האַס,
איך גיי צוריק איצט, און דער וועג ווערט שמעלער.
איך ווייס וווּהין ער פֿירט — צו סמאַטשע־גאַס,
מיט טרעפּ, מיט הילצערנע, אַראָפּ אין קעלער.

נישט איך האָב אין דעם קעלער דאָרט געוווינט,
נאָר איך געדענק אַ ליד פֿון צווישן לידער,
וואָס האָט מײַן טאַטנס ניגון נישט געשווינט
און אויפֿגעשטיגן פֿון דער סאַמע נידער,

און צוגעפּאַסט זיך אויך צו מײַן געמיט,
צו מײַנע תנועות און צו מײַנע טרערן —
ביז אָנגעהויבן זינגען כ׳האָב דאָס ליד
בלחש, אַז דער טאַטע זאָל נישט הערן.

איצט ווייס איך, אַז איך האָב פֿאַרשוועכט
דאָס ליד, און אויך דעם טאַטנס וואָרקער ניגון:
פֿאַר זיך איז יעדערער געווען גערעכט,
צוזאַמען — זענען זיי געווען אַ ליגן.

אַ נס

גערעסן בין איך אין אַ ביבליאָטעק און
פֿאַרטיפֿט זיך אין אַ בוך — און זיך פֿאַרזעסן.
דער ביבליאָטעקער האָט געדאַרפֿט אַוועקגיין —
פֿאַרשלאָסן, און אין מיר האָט ער פֿאַרגעסן.

געוואַנדערט האָב איך צווישן טויזנט בענדער,
געוואַנדערט פֿון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט,
געבלאָנדזשעט צווישן צײַטן, צווישן לענדער —
און קײנער האָט אויף מיר זיך נישט געוווּנדערט.

איך האָב זיך איבער לייטערס אויפֿגעהויבן,
איך בין געשטיגן שטאַפּל נאָך אַ שטאַפּל:
אויף יעדער שיכט פֿון צײַט — אַ שיכט מיט שטויבן,
און מילבן זענען זיך מיט זיי מטפּל.

און פּלוצלינג איז באַפֿאַלן מיך אַן אימה:
פֿאַר ווערטער, פֿון די מילבן אויפֿגעגעסן,
פֿאַר אַלע שושקערײַען די געהיימע,
וואָס טוען אָפּ דעם כּישוף פֿון פֿאַרגעסן.

אַ נס, דערזען האָב איך דאָס בוך בראשית —
דאָס ערשטע ספֿר פֿון מײַן ערשטן רבין.
און דאַן האָב איך דערפֿילט: פֿון בלוט און פֿלייש איז
די צײַט — און כ'האָב זיך אומגעקערט צום לעבן.

אַ בלאָלעכער ווינטער־פֿאַרטאָג

אַ בלאָלעכער ווינטער־פֿאַרטאָג,
די שויב איז פֿאַרצויגן מיט אײַז.
דער שנייִקער ווינט טוט אַ יאָג —
אין צימער די ווענט ווערן ווײַס.

דער טאַטע שטייט אויף אין דער פֿרי
און הילט אין זײַן טלית זיך אײַן.
זיין תּפֿילהדיק קול טוט אַ גלי
מיט פֿרעמדער נישט־דאָיִקער שײַן.

די מאַמע טוט אָן זיך גיך־גיך —
אין שטוב איז אַ ביטערע קעלט.
זי בלאָזט אין דער ליימענער קיך
ביז וואַנען דער פֿלאַם זיך צעהעלט.

אין דרעמל, מיר דאַכט זיך, איך הער
דעם טאַטנס פֿרימאָרגנדיק ליד,
דאָס פֿײַער, וואָס רוישט אין דער רער,
דעם טשײַניק, וואָס וואָיעט און זידט.

דער טאַטע פֿאַרענדיקט שוין שטיל
זײַן אָרעם טאָגטעגלעך געבעט.
ער מיינט, אַז איך שלאָף, נאָר איך פֿיל —
ער שטעלט זיך אַוועק בײַ מײַן בעט.

איך פיל אויף מײַן פּנים זײַן בליק —
ער סטאַרעט זיך עפּעס דערגיין.
פאַרהאַלטן דעם אָטעם — איך ליג,
מײַן חלום ער זאָל נישט פאַרשטיין.

און ענדלעך דערהער איך: זײַן טראָט
דערווײַטערט זיך שנעל צו דער טיר.
ווען ער וואָלט געוווּסט, אַז מײַן סוד
געהער אויך צו אים ווי צו מיר!

בציבור

אַ חלום, אַז ער חזרט אָפּט זיך איבער,
איז מער נישט נייטיק שוין פאַר אים קיין פּותר.
אין טאַטנס מנין דאַווענען בציבור —
איך קום כסדר פון דער וועלט דער גרויסער.

געווען דאָרט אין אַזוי פיל שטעט און לענדער,
און אַלע שולן זענען הויל און ליידיק,
און ס׳קומען די טוריסטן, ווי די שענדער,
און פון די גויים ווערט דער שם באַליידיקט.

אַ שול אַזאַ געזען כ׳האָב אין טאָלעדאָ
(אַזעלכע שולן בלײַבן איצט אין פּוילן),
ווו פאַר אַן אָפּצאָל קאָן אַרײַנגיין יעדער
און ווידער לעסטערן דעם רוים דעם הוילן.

און בלויז מײַן טאַטנס מנין וואַרט אַ פּולער
אין חלום — און ער חזרט אָפּט זיך איבער.
דאָס קום איך פון דער גרויסער וועלט, אַ דולער,
כדי צו דאַווענען מיט אים בציבור.

שכונת התקווה

ווי ווײַט איז צו שכונת התקווה?
נישט מער, ווי אַ גאַס אָדער צוויי,
און דאָך איז דער גאַנג אַ צוריקוועג
דורך יאָרן פון הונגער און שניי.

אַריבער די טויטן און ימען
דערזע איך אין נאַפטענעם ליכט
די הענט פון מײַן אָרעמער מאַמען,
ווען זי האָט די וועש מיר פאַרריכט.

עס בייזערט דער ווינט זיך אין דרויסן,
די מאַמע הייבט אויף בלויז דעם בליק:
זי ווייסט, אַז איר יינגל איז אויסן —
נישט זיך, נישט דאָס אייגענע גליק.

ער קנייטשט זײַנע טונקעלע ברעמען,
ער לייענט. זײַן מויל ווערט גערעגט.
ווען זי זאָל זיך איצטער נישט שעמען,
וואָלט זי אים זיך עפּעס געפרעגט. — — —

ווי ווײַט איז צו שכונת התקווה?
נישט מער, ווי אַ גאַס אָדער צוויי,
און דאָך איז דער גאַנג אַ צוריקוועג
דורך יאָרן פון הונגער און שניי.

אַריבער די טויטן און ימען —
ווער האָט זיך אויף מיר דאָ געריכט?
איך זוך נאָך די הענט פון מײַן מאַמען,
וואָס האָבן די וועש מיר פאַרריכט.

די נויט האָט מיך ווידער פאַררינגלט,
און אָט אין די פענצטער איך זוך
דאָס זעלבע, דאָס וואַרשעווער יִינגל,
געבויגן אַריבער אַ בוך. — — —

*

דאָס איז געווען אין יענע יאָרן,
אין יענער שטאָט — נישט צו דערגרייכן —
ווען ביי מיין מאַמען אויפֿן גאָרן
האָט גאָט געוויזן מיר אַ צייכן.
אַ בליץ האָט אָפּגעבריט די ליפּן —
און איך האָב אָנגעהויבן שטאַמלען,
און אין דעם לעבן זיך צו ליבן,
און אַלע ווערטער איינצוזאַמלען.
צי זאָל איך איצטער ווידער פּרוּוון
דעם שם־המפורש אָנצורופֿן?

אוי, דאַכט זיך, אַז איך האָב פֿאַרשפּעטיקט
די ווערטער פּשוטע און גראָע!
איך האָב מיין לשון אָנגעזעטיקט
מיט צו פֿיל שיינקייט און הנאה —
און זיי דערלאָזן נישט, זיי שטערן
דעם גאַנצן אמת אויסצוזאָגן:
איך שעם זיך שוין מיט מיינע טרערן,
און מורא האָב איך זיך באַקלאָגן.
און נאָר צוליב דעם שיינעם ליגן —
האָב איך אַ העלפֿט פֿאַרשוויגן...

*

איך בין געווען אַ נישט אַנטפּלעקטער
אין צווישן אַלע מײַנע ברידער,
און אויך — נאָך נישט קיין אויפגעוועקטער
פון מײַנע רויע ערשטע לידער.

ערשט פאַר מײַן אָפּגעדרוקטן נאָמען
געבליבן בין איך אַ פאַרווירטער:
איך האָב דערזען זיך איבער תהומען,
ווי אַ פאַרפירער און פאַרפירטער.

און קעגן אַט דער גרויסער תאווה
איך האָב שוין נישט געקאָנט זיך ווערן,
און שעמעוודיק — געמוזט כ'האָב סײַ ווי
באַווײַזן אַלעמען די טרערן.

דאָס האַרבע וואָרט

דער בוים האָט זײַן פאַרעקשנטן זכרון —
פון יעדן פרילינג בלײַבט ביי אים אַ סענק.
אויך איך וועל זיך דעם ווייטיק נישט פאַרשפּאָרן —
עס קנוילט אין האַלדז דאָס האַרבע וואָרט: געדענק!

דאָס וואָרט באַפרײַ איך מיטן אַלטן ניגון,
וואָס איך האָב פון מײַן טאַטנס מויל געהערט.
און פון דעם ווייטיק ווערט אַ פאַרגעניגן,
און פון דעם האַרבן וואָרט — אַ ליד עס ווערט.

דאָס נײַע מאָל פּרילינג

דער גאָלדענער חודש אַפּריל

דער גאָלדענער חודש אַפּריל —
און מיר איז איצט גאָרנישט אַפּריליק,
בײַ מיר איז נאָך טרויעריק שטיל
אין אָנהייב פון הײַנטיקן פרילינג.

אַפילו דער נס פונעם בלי
ווערט דאָס מאָל פון מיר נישט געהייליקט.
אין פויגל-געזאַנג אין דער פרי
בין איך נאָך דערווײַל נישט באַטייליקט.

איך בין שוין געוואָרן געפּרוּווט
מיט אַלע תענוגים און פריידן —
איך שפּיר שוין נישט מער אין דער לופט
דאָס ווינטעלע פונעם גן-עדן.

אין שפּיגל גייט דורך מײַן געשטאַלט —
דער זעלבער, און דאָך נישט דער זעלבער.
אָן אימה, אַ שרעק מיך באַפאַלט:
צי מאַכט מיך שוין חרוב די עלטער?

דערקענט מיך שוין מער נישט די וועלט,
דערפאַר, ווײַל די האָר ווערן גראָע?
צי בין איך שוין טאַקע פאַרוועלקט
און מער פאַרן לעבן נישט ראוי?

און אפשר אַזוי, ווי די גריל,
פון זון און פון אויגן פאַרבאָרגן,
אין גאָלדענעם חודש אַפּריל —
איך טשאַטעווע אויף אַ פרימאָרגן?

צווידײַטיק

דער לעצטער טאָג פֿון פֿרילינג.
אַ פֿויגל שרײַט און לאַכט.
באַלד קומט פֿאַר די אַנטהילונג
פֿון זומער אין זײַן פּראַכט.

די גרינע בלעטער שווײַגן.
די בליטן פֿאַלן אָפּ.
אַט שײַנט שוין צווישן צווײַגן
דער בלאָנדער עפּלקאָפּ.

ער איז נאָך יונג און הײַליק
און האַרט פֿאַר מײַנע ציין.
מען דאַרף נישט זײַן צו אײַליק —
און לאָזן אים דערגיין.

די זון וועט אים פֿאַרזיסן,
אים געבן פֿאַרב און קראַפֿט.
און איין מאָל אײַנגעביסן —
וועט טאָן אַ פּלייץ זײַן זאַפֿט.

דער טאָג הײַנט איז צווידײַטיק —
וואָס זאָל איך מיט אים טאָן?
דער פֿרילינג איז שוין צײַטיק,
דער זומער הייבט זיך אָן.

דאָס נײַע מאָל פרילינג

דער קנאָספּ שרײַט שוין ווידער.
ער שרײַט
פון ליבע און ווייטיק.
דאָס נײַע מאָל פרילינג באַטײַט:
ווי דאָס לעבן נייטיק.

דער רעגן האָט געוואַשן די ערד,
דער רעגן.
די שפּיציקע קעפּלעך פון גראָז
פרעגן
נײַגעריק און גרין:
פאַר וואָס?
און וווּהין?

די זון און די שטערן
זאָגן ליגן
לויטן קאַלענדאַר.
איך וועל זיי נישט שטערן.
די וועלט ווערט יִנגער.
מיך דראָט די געפאַר
ווידער
צו ווערן אַ זינגער.

דאָס יונגע ביימל

דאָס יונגע ביימל,
וואָס דו האָסט פאַרפלאַנצט,
רוף איך מיט דײַן נאָמען.
נאָר זײַ נישט בייז,
אויב איך בין היימיש
מיט אַלטע ביימער,
וואָס האָבן געלעבט דאָ
נאָך איידער איך בין געקומען.
די פייגל,
וואָס זינגען אויף זייערע צווײַגן,
האָבן גענומען פון תנך
און קאַלירן — פון גן־עדן.
זייער ליד האָט נאָך נישט צעטײַעט
דאָס אײַז אויף מײַן הארץ.
נאָר אין שטילן פאַרנאַכט
שפרינגען זיי
אויפן יונגן ביימל,
און אין זייער געפילדער
דערהער איך דעם קלאַנג פון דײַן נאָמען.

נישט דאָ געדאַכט

אַ שיינעם זונטיק־אינדערפרי
מען האָט מיר טרויעריק געמאַכט —
אַ ווייַטער קרוב פון נישט הי
געשטאָרבן איז, נישט דאָ געדאַכט.

איך האָב אים נישט געזען אַ צייַט:
אַ יאָר, און אפשר גאַנצע צוויי.
דער טויט פון קרוב אין דער ווייַט
ווערט נאָענט מיר און טוט מיר וויי.

איך האָב געוואַשן זיך, געגאָלט,
און אָנגעטאָן זיך, און געטראַכט:
ווי קאָן דען גאָר דאָס זייַן געמאָלט
צו שטאַרבן הייַנט, נישט דאָ געדאַכט?

אַ שיינער זונטיק־אינדערפרי —
ווי קאָן דאָס זייַן, ווי קאָן דאָס זייַן?
אַ פייגעלע גיט זיך די מי
דאָרט אויפן בוים — און רעדט מיר איַין.

און איך הער אויס. דער ווייטיק מייַדט,
דער הימל לינדערט אים מיט בלאָ.
דער טויטער קרוב ווערט מיר ווייַט,
און נאָענט ווערט די זונטיק־שעה.

לאָז איבער...

דער זומער הענגט שוין אויף אַ האָר,
און אויסגעוועבטע פֿון דער שפּין.
לאָז איבער מיך אויף נאָך אַ יאָר
אין זעלבן עלטער וואָס איך בין.

ערשט איצטער וויים איך, וואָס מיר פעלט —
ערשט איצטער, ווען די פרייד פֿאַרשווינדט.
לאָז איבער מיך אין פרײַען פעלד
צוזאַמען מיטן הייסן ווינט.

פֿאַר נאָך אַ זומער איך באַצאָל
מיט יעדן טראָפּן בלוט פֿון גוף.
לאָז איבער מיך אויף נאָך אַ מאָל,
און מאַך מיט מיר דעם זעלבן פּרוּוו.

נאָר אין געראַנגל מיט דער וואָר
וועל איך שוין מערער זײַן געניט.
לאָז איבער מיך אויף נאָך אַ יאָר,
אויף נאָך אַ זומער, נאָך אַ ליד.

אָפּגעזעגט אַ צווײַג

פֿון אונדזער סאָסנע
האָט מען אָפּגעזעגט אַ צווײַג.
די זשיוויצע טריפֿט,
ווי דאָס געלע בלוט
פֿון אַן אָפּגעהאַקטן אָרעם.
דער זאַפֿט וועט טריקענען,
פֿאַרגליווערן די ווונד,
און דערנאָך —
נאָך העכער
און שנעלער
שלאָגן צום שפּיץ פֿון דעם בוים.

אַזוי איז דאָס אויך
מיט מײַן אָפּגעהאַקטן טאָג
און מיט זײַן זאַפֿט,
וואָס שלאָגט אַרויף
צום טרוים.

די דרײַ טאָפּאָלן

די דרײַ טאָפּאָלן ווערן געל —
ספּק גאָלד און ספּק זשאַווער.
ער קומט
און ברעגנגט מיט זיך די שפּע און דעם קוועל --
דער האַרבסט, מײַן גוטער חבר.

די דרײַ טאָפּאָלן ווערן געל,
די דרײַ טאָפּאָלן,
און ווערטער גייען אויף פון קעל,
ווי ווײַטע ווידערקולן.

געגנוג !
דאָס פּאַסט נישט פאַר די יאָרן.
דער טרויער איז שוין קלוג
און וויל נישט מיט דער פרייד זיך פּאָרן.

די דרײַ טאָפּאָלן ווערן געל,
די בלעטער ווערן ביטער.
ער גייט אַוועק,
דער האַרבסט, און איך פאַרפעל
צום ערשטן מאָל זײַן ציטער.

אַ האַרבסט אַזאַ

אַ האַרבסט אַזאַ, אַ ליכטיקער ביז וואַנזין —
פאַרגיב מיר, וואָס איך האָב נישט היינט קיין אײַנזען

פאַר אומעטיקע אויגן און פאַר יענעמס ווייטיק,
און אויך מײַן איינזאַמקייט איז מיר נישט נייטיק.

איך בין אַוועק אין שטאָטישן האַרמידער,
ווו אַלע קולות שלינגען אײַן די לידער.

איך האָב אַפילו נישט געפּרוּווט זיך ווערן,
אַפילו נישט פאַרלאַנגט מען זאָל מיך הערן.

ס'איז גוט אַזוי. ס'איז האַרבסט. די וועלט איז ליכטיק,
און איך אין איר בין ווייניקער געוויכטיק.

און אין מײַן שטוב איז שטיל, ווי אויסגעליידיקט —
די ביכער האָבן זיך אויף מיר באַליידיקט,

פּאַפּיר און פעדער פילן זיך געטראָפן —
ווײַל איך בין פון דער איינזאַמקייט אַנטלאָפן.

*

מײַן גאָט, דער האַרבסט טוט ווידער וויי,
די רויטע בלעטער ווערן מײַנע ווונדן.
איך קאָן זיי נישט פאַרהיילן שוין מיט שניי —
מײַן ווינטער איז אויף אייביק שוין פאַרשוווּנדן.

מען זאָגט, אַז ערגעץ, ערגעץ ווײַט,
אין צפון, ווו די רגעס פרירן,
ווי אײַז פאַרגליווערט בלײַבט די צײַט
און קאָן זיך פונעם אָרט נישט רירן.

מען זאָגט, אַז מיטן שניי פאַרדעקט
די ערד בלײַבט דאָרטן גאַנצע יאָרן.
מײַן גאָט, נאָך מער ווי בלוט מיך שרעקט
די אייביקייט פון שניי דעם קלאָרן.

טאָ לאָז מיך איבער נאַקעט-הויל,
פונקט ווי דעם טאָפּאָל אָן די בלעטער,
אָט דאָ, ווו אויסגעברענט אויף קויל —
פאַרשטיינערט וועל איך ווערן שפּעטער.

אַ לעבן לאַנג

איך האָב פאַרזען אַ יאָר.
די גרינע בלעטער
קומען מיר צו חלום.
די רעגן־טראָפּנס
קלאַפּן, קלאַפּן.
פריילעך־העל
הילכט־אָפּ דאָס לאַכן
פון אַ יונגער פּאָר.

אַ לעבן לאַנג
איך גיי צוריק
אַהין
און זוך דעם ווינט,
וואָס איז געווען דאָרט גרין,
פון רעגן דאָס געזאַנג,
די יונגע פּאָר. — — —

איך האָב פאַרזען אַ יאָר.

*

אַזוי פיל מאָל דער ווינט צעטרעט
די בלעטער, ווען זיי ווערן געל,
נאָר יעדן האַרבסט, ווען דאָס געשעט —
דער האַרבסט איז ווידער אַקטועל.

און איך אַליין? מײַן שיטער לײַב
גייט דורך דעם פּרווו פון פרייד און קוועל,
נאָר נאָך אַ טאָג, אויב איך פאַרבלײַב —
דער טאָג איז ווידער אַקטועל.

אַזאַ ווי איך לויפט איצט צום מאַרס,
און שטערן שיטן זיך ווי מעל.
נאָר צו דער ערד געהער זײַן האַרץ —
דאָס האַרץ איז ערדיש, אַקטועל.

באַגראָבט מיך אין אַ ווײַטן העק,
טיילט אָפּ מײַן קערפּער פון דער זעל,
נאָר ביז דעם לעצטן טראָפּן שרעק —
די שרעק — אויך זי איז אַקטועל.

טריקעניש

אַ בוים מיט צוויי טרוקענע בלעטער —
ער קלאַפּט זיי אַ בלאַט אין אַ בלאַט.
ער וואַרט אויף אַ רעגנדיק וועטער
פון תשרי ביז אָנהייב פון שבט.
די וואָרצלען נאָך ציִען און נאָגן
געבליבענע זאַפּטן פון קוואַל —
ער וואַרט, אַז פון אויבן זאָל שלאָגן
אַ וואָלקן מיט גאָס און מיט שקוואַל.

די ערד, אַ פאַרשעמטע, ליגט נאַקעט
אַנטקעגן דעם הימל, וואָס שײַנט.
נאָר נישט פון דער ליבע ער פלאַקערט —
ער ברענט, ווײַל ער האָט זי איצט פײַנט.
דער ווינט, ווי אַ ווילדער דערצערנער,
קומט אָן אומגעריכט און פאַרשווינדט,
און גראָזן, ווי טרוקענע דערנער,
צעברעכן זיך לײַכט אין דעם ווינט.

בײַ נאַכט שימערירן די שטערן —
אַ פרעמדע אומהיימלעכע וועלט.
אַ שטילקייט — מען קאָן איצט דערהערן
דעם גאַנג פון דער באָרוועסער קעלט.
זי שוועבט איבער גרודעס און שטיינער,
איר שאָטן באַוועגט זיך און פאַלט.
די לופט ווערט אַלץ דינער און ריינער,
די ערד ווערט פאַרגליווערט און אַלט.

רעגן־טראָפּנס

פּאַר הדסה

א

די וועלט באַטראַכט איך דורך מײַן פענצטער,
און מיך — דורך וואָנען זעט די וועלט?
פאַר איר בין איך דער סאַמע קלענסטער
באַוווינער פון דער ווײַסער קעלט.

און ווי דער הונט — מיט הוילער לאַפּע
באַגראָב איך אין דער ערד אַ ביין,
און טויזנט יאָר דערנאָך איך דראַפּע,
און זוך, און וויל צו אים דערגיין.

פון ערגעץ ווו — אַ שאַרפער דונער.
די ערד פאַלט ווידער אײַן און קראַכט
מיט מיר, דעם אייביקן געפינער. —
ווו איז דער בייזער גאָט, וואָס לאַכט?

ב

די געלע בלעטער אינעם גראָען ווינט,
און אונטער זיי — די שמעקעדיקע ערד.
זיי פאַלן צו צו איר געטריי און בלינד —
זאָל מיר אַזאַ מין וויאַנען זיין באַשערט.

די געלע בלעטער, פונעם רעגן פייַכט,
אין יעדן בלאַט דער גאַנצער זומער שווערט,
און זע, זיי פאַלן שטיל אַזוי און לייַכט —
זאָל מיר אַזאַ מין וויאַנען זיין באַשערט.

די געלע בלעטער אינעם שפּעטן האַרבסט,
זיי פאַלן — אין אַ פרילינג איינגעהערט.
און בלויז צו מיר זיי שורשען: אויב דו שטאַרבסט,
זאָל דיר אַזאַ מין וויאַנען זיין באַשערט.

ג

און ווידער גייט אַצינד דער ערשטער רעגן,
אַ יעדער טראָפּן פאַלט מיר אין די אויגן,
און די פאַרגאַנגענהייט קומט מיר אַנטקעגן —
אַ זקנה, איַינגעשרומפּן און געבויגן.

דער דינער רעגן קאָן אַ סך באַוויַיזן,
אַ סך האָט ער באַוויזן צו פאַרמעקן,
און אַלע מיַינע יוגנטלעכע גריַיזן —
זיי ווערן וויַיס, ווי אָפּגעמעקטע פלעקן.

נו וואָס, אַז מיט די שאַרלעך־רויטע זינדן
פאַרמעקט ער אויך די לעבעדיקע פריידן?
אַליין בין איך זיך גוזר דאָס פאַרשווינדן
און דאָס אַכזריותדיקע זיך־צעשיידן.

דער ערשטער רעגן. זאָל ער אַלץ פאַרטריַיבן.
דאָס גאַנצע ליַיב־און־לעבן איך פאַרשפּרעך אים.
בלויז איין געשטאַלט, מיַין מאַמע, זאָל דאָרט בליַיבן,
אַן ענלעכע צו רחל פון בית־לחם.

ד

אַ קלינגען פֿונעם רעגן אין דער רינע
האָט מיך געוועקט און אײַנגעוויגט צוזאַמען,
דערמאָנט אין זינגען־כּליפּען פֿון דער תּחינה,
אין לעבן און אין רעגן פֿון מײַן מאַמען.

דער בליץ דרינגט דורך די צוגעשפּאַרטע לאָדן,
נאָך אים — דער דונער טרייסלט אויף די שויבן.
מיט ברכה ווערט דער דרויסן אָנגעלאָדן,
און מײַנע לידער — מיט דער מאַמעס גלויבן.

אַן איבעררײַס. דער רעגן אין דער רינע
נעמט ווידער קלינגען, טראָפּן נאָך אַ טראָפּן,
און אינעם גלײַכן ריטעם פֿונעם רינען —
די מאַמע שטרעקט די הענט אויף מײַן צוקאָפּן.

ה

רעגן-טראָפּנס אויף די צווײַגן,
רעגן-טראָפּנס אויף די דראָטן,
הענגען שטילע, און זיי שווײַגן —
איינס אין אַנדערן געראָטן.

לויפט אַדורך די שוואַרצע כמאַרע,
קומט די זון אַרויס אין דרויסן.
— מאַכט אַ וואַרע, מאַכט אַ וואַרע —
יעדער טראָפּן שטייט אין גרויסן.

יעדער טראָפּן בלענדט און שימערט,
און אין פֿאַלן נעמט ער גלאַנצן,
ווי אין אים וואָלט אויפגעזומערט
אויף אַ ווײַל — די זון אין גאַנצן.

אַ הויכער בוים
אין בלאָען אָוונט

אַ הויכער בוים אין בלאָען אָונט

אַ הויכער בוים אין בלאָען אָונט,
און יעדער בלאַט — ווי אויסגעשניטן.
אויף אָט דעם איינעם בלאָען אָונט
האָב איך דאָס לעבן אויסגעביטן.

אַ הויכער בוים אין בלאָען אָונט,
און יעדע צווײַג — ווי אויסגעשוירן.
צוליב דעם איינעם בלאָען אָונט
בין איך אַ מאָל געווען געבוירן.

אַ הויכער בוים אין בלאָען אָונט.
אָט לעשן אוים זיך זײַנע פאַרבן.
אַ דאַנק דעם איינעם בלאָען אָונט
וועל איך אַוודאי שוין נישט שטאַרבן.

אַ הויכער בוים אין בלאָען אָונט.
מיט גאָלד באַשיטן אים די שטערן.
בײַם כישוף פון דעם בלאָען אָונט
וועל איך אין בוים פאַרוואַנדלט ווערן.

אַזוי זאָגט רבה בר בר חנה

פּאָר דינה

אזוי זאָגט רבה בר בר חנה —
דער מײַסטער פון די איבערטרײַבער:
אויב דו ווערסט זיך אין מיר דערמאָנען,
ווערסט דו נישט זײַן קיין סתם פאַרשרײַבער
פון זאַכן, וואָס געשען טאָגטעגלעך,
און יעדער איינער קאָן באַטאַפּן.
נישטאָ אַזוינס, וואָס איז אוממעגלעך,
אויב דײַן השגה ווערט נאָר כאַפּן.
דעם אמת הונדערט מאָל פאַרגרעסער!
דעם אמת איבערטרײַבן מוז מען,
כדי מען זאָל דערזען אים בעסער —
און דאָס ווערט אָנגערופן גוזמא.

אַט הער אַ מעשׂה — זאָגט מיר רבה —
אַן עדות קען אויך זײַן רב פּאַפּאַ:
איך האָב געזען אַזאַ מין זשאַבע —
אַ מײַל די לענג איר יעדע לאַפּע.
אַ קראָקאָדיל האָט זי פאַרשלונגען,
און אים — אַ ריזיקע וואָראָנע,
און זי — איז אויף אַ בוים געשפּרונגען...
געזען האָב איך דאָס, בר בר חנה.
(ס'איז נישט פון פינגער אויסגעזויגן —
איך בין אַ ווײַל געווען אַ וואָרעם,
איך האָב געקוקט מיט זײַנע אויגן,
ער איז געווען מײַן מאָס און פאָרעם).

מען זאָגט: אַ נאַר איז יעדער רבה,
אַ שוטה — יעדער בר בר חנה.
מיך אַרט עס גאָרנישט, אַדרבה!
די נאַרישקייט איז גאָטס מתנה,
און ווער עס לאַכט און וויל נישט גלייבן,
בלײַבט מיט זײַן חכמה, ווי אַ בלינדער,
און צום באַשעפער זיך דערהייבן —
די איבערטרײַבער און די קינדער.

מיטביידן

ווען קומט צו מיר די פרייד, און ווען דער טרויער?
איך קאָן זיי קיין מאָל נישט פונאַנדערשיידן,
ביי ביידע איז געניי דער זעלבער דויער,
און מיר איז גוט און ליב צו זײַן מיט ביידן.

אַ צווילינג זענען זיי, פון זעלבן עלטער,
און דאָך — דער טרויער איז אַ ביסל רייפער.
די שטענדיק לאַכנדיקע פרייד פאַרשטעלט ער
און לויפט פאָרויס מיט גיריקייט און אייפער.

ער מיינט, ער וועט אַ מאָל זי איבעריאָגן
און זײַן מיט מיר ווען איך בין נישט מיט קיינעם.
אומזיסט, אַליין — קאָן איך אים נישט פאַרטראָגן,
דערפאַר קומט אָן מיט אים די פרייד אין איינעם.

און דעמאָלט ערשט איך נעם מיט זיי פאַרברענגען,
ביז כ׳הייב אָן צו פאַרגעסן ביידנס נעמען,
און כ׳ווייס נישט ווער פון זיי עס דויערט לענגער,
און ווער פון זיי עס וואַקסט אַרויס פון ווע‏מען.

דערוואַכונג

איך האָב געעפנט ערשט די אויגן.
מײַן בליק איז פֿונעם חלום נאָך אַ מילדער.
די שאַרפֿע ליניעס זענען אויסגעבויגן —
איך זע די ראַמען בלויז, נישט די בילדער.

אין דרויסן הייבט דער טומל אָן צו שטײַגן
און טרײַבט די שטילקייט אין מײַן שטוב פֿונאַנדער.
אין פֿענצטער זע איך שוין די גרינע צווײַגן —
און איך קום אָן פֿון אויסטערלישן וואַנדער.

די פּאַדלאָגע איז אויסגעקילט און גליטשיק,
און איך האָב מורא נאָך אויף איר אַ טראָט טאָן:
דער מינדסטער שאָרך וועט זיך צעשרײַען קוויטשיק,
און פֿאַלן וועל איך, ווי אַ קרומער שאָטן.

די פֿוסטריט זענען פֿונעם שלאָף נאָך וואַרעם,
די דלאָניעס — אָנגעזאַפּט מיט פֿאַרגעניגן.
איך דאַרף זיך אונטערטונקען אינעם ליאַרעם,
ווען אין מײַן אויער נאַכטיקט נאָך דער ניגון.

*

די מאָס פון וואַקסן גרעסער איז פון וויאַנען,
און מער, ווי ס׳איז געווען, איז איצט פאַראַנען.

און מער, ווי ס׳איז פאַראַנען, וועט נאָך ווערן —
פון שטאַרבן שטאַרקער איז דאָס זיך פאַרמערן.

און וויפל גאָט דער בייזער זאָל נישט שעלטן,
איז אָרט פאַראַן גענוג אין זײַנע וועלטן.

ער האָט פאַרגעסן דאָ אַזעלכע שטויבן,
וואָס העלפן יעדן סוד ביַי אים צו רויבן.

איך רײַס זיך אָפּ איצט פון דעם קליינעם קײַלעך
און צו די אומבאַקאַנטע ווײַטן אײַל איך.

אַ סך דאַרף איך נאָך אויף דער ערד אַנטפּלעקן,
און מיך ציט אין די ווײַטע אין־סוף־העקן.

און אומגעדולדיק — גרייט בין איך באַצאָלן
דעם העכסטן פּרײַז פאַר אַלע מיטאַמאָלן.

אַ באַהעלטעניש

פֿאַר יעדער בריאה אין דער וועלטעניש,
פֿאַר אַלעמדינג, וואָס פּרוכפּערט זיך און מערט,
איז דאָ אַן אָרט און אַ באַהעלטעניש
אין אונדזער קליינער גוטער מאַמע ערד.

זי נעמט צוריק מיט גרויס דערבאַרעמקייט
אונדז אַלע — נאָכן ווערן ווידער טויט,
און אָטעמט ווײַטער מיט דער וואַרעמקייט,
וואָס שפּראָצט אַרויס פֿון זיך דאָס זאַנגענברויט.

און זיי, די ווידער־נײַ־געבוירענע,
וואָס צופּן אין דער הייך דאָס פֿרישע גראָז,
פֿאַרגעסן, אַז פֿון ביינער אויסגעפּרוירענע
נעמט איצטער זייער לעבן זיך אַ מאָס.

נאָר טייל מאָל בלויז, אין שעהען די בײַנאַכטיקע,
דערשפּירן זיי אין בלוט אַ שאַרפֿע קעלט,
און דורך חלומות, שווערע און פֿאַרדאַכטיקע,
פֿאַרבינדן זיי זיך מיטן אָנהייב וועלט.

אַן איינציק וואָרט

עס איז נישטאָ קיין גרענעץ און קיין שיעור
צו אַלע וועגן פון אַן איינציק וואָרט.
נישטאָ פאַר דעם קיין שפּעטער און קיין פריִער,
און נישט — קיין איין מאָל אָנגעצייכנט אָרט.
און וויפל מאָל דו וועסט עס איבערשטעלן,
באַקומען וועט דאָס וואָרט אַן אַנדער מיין,
און אויף אַן אַנדער אופן גאָר געפעלן,
און אויף אַן אַנדער שטייגער ווערן שיין.

אָט שטייט זיך אין אַ ווינקל זאַץ, נאָר פינקטלעך,
אַ וואָרט אַ פּשוטס, אַן דעם מינדסטן טראָפּ,
און באַלד ווערט דאָס פאַרעקשנט און צודרינגלעך,
און שפּאַרט אַדורך זיך ביז צום סאַמע קאָפּ.
אָט לאָזט עס זיך באַנוגן מיט באַגלייטן
די אַנדערע — דרך־ארצדיק און שטום,
און תיכּף וויל דאָס זעלבע וואָרט אַ שרײַ טאָן,
אַז זיך צעשיטן זאָל דער זאַץ אַרום.

ווען איך וואָלט צײַט געהאַט גענוג צו לעבן,
וואָלט איך זי אויף אַזאַ מין פּרווו פאַרשווענדט:
איך וואָלט אַן איינציק וואָרט זיך אָפּגעגעבן
און נאָכגעפאָרשט זײַן יעדן קער און ווענד.
נאָר ווי קאָן מיר אַזוי פיל יאָרן סטײַען,
אַז איך זאָל נאָכגיין אָט דעם איינעם וואָרט —
פון סאַמע שטילסטן טאָן אַזש ביז צום שרײַען —
און דאָס דערקענען אויף אַ יעדן אָרט?

משלים

איך בין זיך מודה אין אַ ווידערווילן
צו שרײַבן און צו לייענען משלים,
ווו יעדעס וואָרט דאַרף זײַן פֿאַרשפּיצט, און צילן
צום מוסר־השׂכל, לויט באַקאַנטע כּללים.

די ווילדע חיות ווערן דאָרט פֿאַרגוואַלטיקט,
די פֿרעמדע מינים צווינגט מען זיך צו פּאָרן,
די טויטע זאַכן ווערן נישט־געשטאַלטיקט,
די לעבעדיקע — נעמט מען צו די יאָרן.

צו וואָסער טײַוול דאַרף מען די פֿאַרגלײַכן —
אַז יעדע זאַך פֿאַר זיך איז שטרענג איינמאָליק?
איך הייב אָן פֿון די לידער אויסצושטרײַכן
אַ יעדע שורה, וואָס איז דאָרט משליק...

קאַמיש

מיר קאָנען נישט אַרוים פון יענע קליידער,
וואָס עמעצער פאַר אונדז האָט אויפגעניית.
מיר טראָגן זיי און היטן, ווי אַ נדר,
אַן אָפּגעשפּראָכענעם מיט פרעמדע רייד.

און ענג איז אונדז. די קליידער זענען קאָמיש.
די מיידלעך לאַכן אָפּ פון אונדז אין גאַס.
נאָר פון דעם אַלטן שטאָט אַרוים מען קאָן נישט,
כאָטש יעדער פאָדעם איז פון בושה נאַס.

מיר ווען זיך פון זיי שוין נישט באַפרייען,
ווײַל מיר אַליין — מיר לאַכן נישט פון זיי.
די צײַט, די נײַע, וועט אונדז נישט באַנײַען —
מיר קאָנען נישט דערהערן איר געשריי.

אין הויז אַנטקעגן

אין הויז אַנטקעגן קלאַפּט מען צו די שווען,
די שטיגן זענען גרייט שוין צו דעם קלעטער,
די ווענט פון אַלע צימערן פאַרשטעלן
פון דרויסן — פונעם הימל און דעם וועטער.

אין הויז אַנטקעגן זעט מען נאָך נישט קיינעם.
בלויז פענצטער ליידיקע, ווי בלינדע אויגן.
איך וואַרט שוין אויף די נאָענטע, די שכנים,
וואָס האָבן זיך נאָך נישט אַרײַנגעצויגן.

אויף יעדנס פּנים וואַרט איך מיט אַ שטוינען
און יעדן איינעמס קול פאַר מיר איז וויכטיק.
ווער זענען זיי? ווער וועט אין הויז דאָרט וווינען,
ווען ווערן וועט אין אַלע פענצטער ליכטיק?

ווער זענען זיי? — פאַר זייערט וועגן בעט איך:
אַז אין די ווענט זאָל ווערן גוט דער שלעכטער,
אַז אויסגעפּילט זאָל ווערן יעדער שטח
מיט קינדעריש גערויש און מיט געלעכטער.

צו ווייניק צײַט

צו ווייניק צײַט: אויף אָנטאָן אַלע קליידער,
אויף צוגעוויינען זיך צו די גערוצן,
אויף שלום מאַכן מיט אַזוי פיל סדר,
אויף דינען צו די געטער און די געצן.

צו ווייניק צײַט: אויף לאַכן און אויף וויינען,
אויף נעמען אַלץ פאַר זיך אַליין, אויף האָבן,
אויף צו פאַרגעסן זיך, און אויף צו מיינען,
אַז מיך אַליין בלויז וועט מען נישט באַגראָבן.

צו ווייניק צײַט: אויף טרויעריקן וויסן,
אויף צו פאַרשטיין די הונדערטער געפאַרן,
אויף היטן פאַר אַ פרעמדנס אויג — דעם ביסן,
אויף לערנען זיך די שפּראַך פון אָפּגענאַרן.

צו ווייניק צײַט. מיר וועט אַוודאי פעלן
אַ טאָג אַן איינציקער צום גאַנצן לעבן —
דער טאָג, וואָס איז צום בעסטן מיר געפעלן,
און איך האָב אים מיט לײַכטזין אָפּגעגעבן.

נאָך און נאָך

דער וועג איז אַלץ אַ שווערער און אַ לאַנגער,
און פול מיט קליינע זאָרגן פון דער וואָך,
נאָר יעדע איינע רגע איז אַ פאַנגער
פון נײַגער און פון דראַנג צו נאָך און נאָך.

און יעדע רגע פרוווט זיך אויפצוזעגן
און אַנצוגליִען, ווי אַ פונק פון גליק,
און וואָס איך ריר נאָר אָן — נעמט זיך באַוועגן
און ווײַזן מיר די וווּנדערלעכע שטיק.

און מיר ווערט נישט פאַרמיאוסט, נישט דערעסן,
צו זען דאָס זעלבע נאָך און נאָך אַ מאָל.
ווי אַלץ פון פריִער וואָלט געווען פאַרגעסן —
אויף ס'נײַ איך לאַך און וויין, און איך באַצאָל.

דו קומסט צוריק

דו קומסט צוריק

עס רוישט אַ צווייַג —
דו האָסט זי אָפּגעבויגן.
איך קוק אויף דיר און שווייַג:
דאָס זענען דייַנע אויגן,
דאָס זענען דייַנע האָר,
דאָס איז דער זעלבער זומער,
דאָס איז דאָס זעלבע יאָר,
און דו ביסט דאָ אַרום מיר.

דאָס איז דער בוים,
וואָס האָט זיך אָנגעצונדן
ווען האָסט באַרירט אים קוים —
ער שטייט נאָך אין די ווונדן.
דאָס איז דער אַראָמאַט,
וואָס האָט צערייצט די בלוטן
אויף נישט צו ווערן זאַט
פון שיינעם און פון גוטן.

דאָס איז דער וואַלד,
דער אייביקער און טרייַער,
וואָס שטייט אויף ווען ער פאַלט
און גייט אַרויס פון פייַער
צוזאַמען מיטן גליק
געהאַלדזט, אַרומגענומען.
דו קומסט צו מיר צוריק —
און וועסט צוריק נאָך קומען.

נאָוועמבער

אין רויש פון רויטע בלעטער
איך פיל דײַן ווינט,
נאָוועמבער.
מײַן אָטעם ווערט פול
מיט ריח
פון ערב שניי.

איך גיי.
אין פּנים האַקט
אַ דראָבנער רעגן.
מײַן טראָט
זינקט
אין דער בלאָטיקער ערד.
איך רײַס אים אַרויס —
איך גיי דיר אַנטקעגן.

דײַן לײַב שמעקט מיט ווזשאָס,
די האָר —
מיט שוואָמען פון וואַלד,
און איך
בין פּונקט אַזוי אַלט —
אַכצן יאָר,
מײַן בלוט
לײַדט אויפן זעלבן ציטער,
מײַן לעבן,
ווי דײַנס,
איז יונג און ביטער.

איך צינד
דעם גראָען טאָג
אין גליק,
אוןביידע ברענען מיר
אין ווינט —
נאָוועמבער.

טויבן-ליבע

איך האָב געזען צוויי טײַבעלעך אין שטאָט
זיך ליבן אויף אַ הענגענדיקן דראָט.
דער דראָט האָט זיך געשאָקלט און געוויגט,
נאָר זייער טויבן-ליבע האָט געזיגט.

ווי לאַנג געדויערט דען דאָס טויבן-גליק?
אַ קליינע רגע בלויז, אַן אויגנבליק.
פאַרלירן אָט די רגע איז אַ שאָד,
אַפילו ווען זי וויגט זיך אויף אַ דראָט.

און איך האָב באַלד געזען דעם אונטערשיד
פון יענער טויבן-ליבע אין מײַן ליד
ביז דער פון מענטשן אויף דער פעסטער ערד.
זיי ווייסן נישט, אַז ליבע האָט אַ ווערט,

ווען זי איז אויפן לעבן נישט קיין האַר,
ווען זי איז אויסגעמישט מיט דער געפאַר,
ווען זי הענגט אינעם חלל אויף אַ שטריק —
אַן אָנגעצויגענע אויף טויט און גליק.

די אַלע דרײַ

די אַלע דרײַ האָט דאָך באַשאַפן גאָט:
די פרוי, די שלאַנג און זייער ביידנס סוד.

און מיט די דרײַ האָט גאָט מיך אָפּגענאַרט:
אין גאָלדענעם גן־עדן מיך פֿאַרשפּאַרט,

געהייסן גאַפֿן אויף דער שיינער פרוכט,
וואָס איך האָב ביז דער זינד נאָך נישט פֿאַרזוכט.

און מיט די דרײַ האָט גאָט געשלאָסן שטאָם:
צו געבן מיר אַן עפּל פול מיט סם,

און איך זאָל אים פֿאַרשלינגען מיט אַ מאָל,
פֿאַרשלינגען, ווי אַ מאַלפּע, מיט דער שאָל,

און שטאַרבן איבער זייער ביידנס סוד,
און פֿײַנט באַקומען דעם באַשאַף פֿון גאָט.

בגילופין

און אַט אַזוי וועט אויסזען מײַן צוריקקער —
זינגענדיקערהייט און בגילופין.
פון לאַנגן לעבן וועל איך זײַן נאָך שיכור,
ווען כ'וועל צום שטאַרבן ווערן אויסגערופן.

באַגלייטן וועלן מיך די אַלטע ווײַבער
(די שיינע מיידלעך פון די יונגע יאָרן),
און שרײַען: אַט אָ איז דער איבערטרײַבער,
דער איבעררעדער מיט די גראַמען־פּאָרן.

און איך וועל עלעגאַנט פאַר זיי זיך נייגן —
זיי זענען פאָרט געווען מײַנע דאַמען:
איר פלעגט אַ מאָל די עוולות מיר פאַרבייגן,
און אָנגעקוואָלן האָט איר פון די גראַמען.

גערופן האָט איר מיך מיט קורצע נעמען,
וואָס איך אַליין נאָר קאָן זיי נאָך געדענקען.
וועל איך איצט אײַער עלטער נישט פאַרשעמען,
און פאָרן טויט — צו אײַער יונגשאַפט בענקען.

גאָטס באַפעל

א

צו גאָטס באַפעל האָב איך זיך צוגעהערט —
געהאַט הנאה פון זײַן גוטער ערד.

איך האָב געגעסן פון איר זיסער פרוכט,
איך האָב אויף איר אַ ווײַב זיך אויסגעזוכט.

זי איז געווען מײַן שיינקייט און מײַן שוץ,
זי איז געווען מײַן גלוסטונג און מײַן גוטס.

זי איז געווען מײַן שווײַגן און מײַן שפּראַך,
זי איז געווען מײַן טרוים און מײַן דערוואַך.

זי האָט איר אייגן לײַב מיר אָפּגעשענקט —
און נאָך אַן ענלעכקייט צו מיר געבענקט.

זי האָט פאַרוואַנדלט מיך אין אירם אַ קינד,
זי האָט צום שלאָף פאַרוויגט מיך, ווי אַ ווינט.

און איך האָב גאָר פאַרגעסן אין דער שרעק —
און גלײַך פון איר בין איך צום טויט אַוועק.

ב

מיר האָבןביידע ליב געהאַט די נאַכט,
און סתם אַזוי, און אָן פאַרוואָס, געלאַכט.

געהאַט האָט טויזנט טעם דאָס טרוקן ברויט.
דאָס יונגע בלוט איז הייס געווען און רויט.

און פון דעם דרויסן, פון דער בייזער קעלט —
מיר האָבן איינס דאָס אַנדערע פאַרשטעלט.

נאָר אין דער פינצטער האָסטו מיט די הענט
אַזוי פיל ליכטיקייט פון זיך פאַרשווענדט.

מיר האָבן אויסגעקלערט אַ נײַע שפּראַך
מיט ווערטער נישט פאַרשטענדלעכע אַ סך.

און אײַנגעוויקלט אין אַ דינער דעק —
מיר האָבן זיך באַהאַלטן פאַר דער שרעק,

און סתם אַזוי, און אָן פאַרוואָס, געלאַכט.
מיר האָבן ביידע ליב געהאַט די נאַכט.

ג

איך זיץ אין גאָרטן, אויף דער זעלבער באַנק,
און פון די שיינע ריחות ווער איך קראַנק.

דער פרילינג הײַער איז אַ פרילינג נאָך,
און נישט קיין יום־טוב מער אין מיטן וואָך.

אַ ליגנערין געוואָרן איז די בלום,
וואָס רעדט בלויז וועגן זיך און וועגן רום.

און אויך דאָס מילדע ווינטל מאַכט מיך בייז —
איך קען דאָס שעפּטשען, און דעם סוד איך ווייס.

איך האָב אַ מאָל איר נאָמען אויסגעשניצט
אויף אָט דער באַנק — איך זע אים דאָ נאָך איצט.

איך הער נאָך אירע זינגענדיקע רייד,
אין יענעם פרילינג, וואָס האָט זי באַגלייט,

און אָנגעשמעקט מיט יונגשאַפט אירע האָר,
און מיך — מיט בענקעניש אויף הונדערט יאָר.

ד

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען ווי דו הייסט,
און כ׳בין נישט זיכער, צי דו גופא ווייסט.

נאָר יעדער נאָמען האָט דיר גוט געקליידט
און איז געווען אַ פּסעוודאָנים פון פרייד.

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען ווי דו הייסט,
און כ׳בין נישט זיכער, צי דו גופא ווייסט.

געשטאַנען בין איך אויפן סאַמע ראָג,
אין טונקעלונג, צום סוף פון זומערטאָג.

און ווי איך האָב דערזען דײַן קאָפּ אין בלאָנד,
האָב איך זיך צוואַנציק פרילינגען דערמאָנט,

און ווי איך האָב דערזען דײַן קאָפּ אין שוואַרץ,
האָב איך דערמאָנט זיך צוואַנציק מאָל דעם מאַרץ.

איך קאָן זיך נישט דערמאָנען ווי דו הייסט,
און כ׳בין נישט זיכער, צי דו גופא ווייסט.

ה

און מײַנע אויגן זענען נאָך נישט זאַט,
און די יבשה שיקט אַ גרינעם בלאַט —

דעם זעלבן, וואָס די טויב האָט אים געבראַכט
צום זיידן נח אין זײַן מבול־יאַכט.

אַזוי פֿיל יאָרן — און דער בלאַט איז גרין,
און אויך מײַן נײַגער איז פֿון זעלבן מין,

ווי נאָך דער בשׂורה פֿון דער טויבן־פֿאַסט.
מיט דיר האָב איך די תּיבֿה דאַן פֿאַרלאָזט.

צוזאַמען האָבן מיר באַוווינט די ערד
פֿון נאָכן מבול, און זיך דאָרט געמערט.

געגעסן פֿון אַ שטיינערנעם געשיר,
געביטן זיך אין ראַסע און קאָליר — — — —

און מײַנע אויגן זענען נאָך נישט זאַט,
און די יבשה שיקט אַ גרינעם בלאַט.

אינהאַלט

חלום חלמתי

באַפרײַט פון נאָמען 7
קראַטן 8
✶ (און איצטער) 9
חלום חלמתי 10
אַני מאמין 11
נאָסטאַלגיע 12
✶ (אַ טיר נאָך אַ טיר) 13
איך פּרווו נאָך רעדן 14
די צײַט פון שווײַגן 15
✶ (גוט־אָוונט, מײַן טרויער) 16
ווערטער, ווערטער 17
צוריק 18
אַ מענטש האָט דערהרגעט 19
✶ (און די) 20
באַשטראָף מיך נישט 21
צום אַסטראָנאַוט 22
דאָס אַנטרינען 23
דער דריטער 24
נאָך איין מינוט בלויז 25

יתגדל

יתגדל 29
אין אָפּגעברענטע סעדער 31
דעם ערשטן סעפּטעמבער 32
זיי קומען אָן 33
✶ (די גרינע גראָזן) 34
די ערד איז חרוב 36
✶ (ווי גרויס) 37
יאָוואָל 38
אַ ליד וועגן ייִדיש 39
דער מקונן 40
אַלטע זאַכן 41
מײַן שטעטעלע בעלז 42
צו זיך אַליין 43
דער געטאָ־דיקטער 44
צו משה לייב 45
אַליינעניו 46
„אויפן וועג שטייט אַ בוים“ 47
איציק מאַנגער 48
אַ ייִד פון פּוילן 49
די ווערטער דרײַ 50
די תפילה איז קליין 51
פאַרקלונגענע ווערטער 52

נישט פאַרגעסן

✶ (גאָט!) 55
אַזוי פיל מאָל 57
דאָס לעצטע בוך 59
נישט פאַרגעסן 60
אַ חתונה בײַ ייִדן 62
דאָס איז געווען 64
פאַרלאָזט 65

דורך טויער און טויער

ערב 69
דורך טויער און טויער 71
די שבועה 72
שוואַרצע רעמען 73
מאַמע רחל 74
כותל־מערבי בײַ נאַכט 75

משה

מן 79
דורשט 81
דאָס שוואַרצע ווײַב 83
גאָטס געשטאַלט 84
אָנכי 85
קרני הוד 86
די שטראָף 87
איינזאַמקייט 88
אויפן באַרג נבו 89
אַרויפגעקלעטערט האָט ער אויפן באַרג 90

מיט העלדזער ווײַסע

✶ (מיט העלדזער ווײַסע) 93
אַזאַ מין שטראָף 94
✶ (צוריק צום אומעט) 95
אַ ליגן 96
אַ נס 97
אַ בלאַלעכער ווינטער־פאַרטאָג 98
בציבור 100
שכונת התקווה 101
✶ (דאָס איז געווען) 103
✶ (איך בין געווען) 104
דאָס האַרבע וואָרט 105

דאָס נײַע מאָל פרילינג

דער גאָלדענער חודש אַפריל 109
צווייִדײַטיק 110
דאָס נײַע מאָל פרילינג 111
דאָס יונגע ביימל 112
נישט דאָ געדאַכט 113
לאָז איבער 114
אָפּגעזעגט אַ צווײַג 115
די דרײַ טאָפּאָלן 116
אַ האַרבסט אַזאַ 117
✶ (מײַן גאָט) 118
אַ לעבן לאַנג 119
✶ (אַזוי פיל מאָל) 120
טריקעניש 121
רעגן־טראָפּנס 122

אַ הויכער בוים אין בלאָען אָוונט

אַ הויכער בוים אין בלאָען אָוונט 129
אַזוי זאָגט רבה בר בר חנה 130
מיטביידן 132
דערוואַכונג 133
✶ (די מאָס פון וואַקסן) 134
אַ באַהעלטעניש 135
אַן איינציק וואָרט 136
משלים 137
קאַמיש 138
אין הויז אַנטקעגן 139
צו ווייניק צײַט 140
נאָך און נאָך 141

דו קומסט צוריק

דו קומסט צוריק 145
נאָוועמבער 146
טויבן־ליבע 148
די אַלע דרײַ 149
בגילופין 150
גאָטס באַפעל 151

ביכער פונעם זעלבן מחבר

דורך שטאָכעטן, װאַרשע, 1932

אין אומרו פון טעג, װאַרשע, 1933

אױפֿן װינט, װאַרשע, 1936

לידער, מינסק, 1940

די ערד האָט געציטערט, מאָסקװע, 1947

דער װעג אױף װאַרשע, מאָסקװע, 1948

דורך שאָטן און שײַן, לאָדזש, 1948

אַ פֿרילינג אין פּױלן, װאַרשע, 1950

הײמערד, װאַרשע, 1951

אין אונדזער צײַט, װאַרשע, 1954

דאָס ערשטע ליד, װאַרשע, 1956

קלאָרקײט, װאַרשע, 1957

בײַם ראַנד, ירושלים, 1957

נײַע לידער, תל־אָביב, 1964

דור און דױער, תל־אָביב, 1967